# יעקב עגיט



ISBN:0-657-12440-0

61-111

Digitized by the Internet Archive
in 2009 with funding from
National Yiddish Book Center

http://www.archive.org/details/tsunaylebn00egit

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12440

# TSU A NAY LEBN

## Jacob Egit

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Reynold and Bette Paris*
*In honor of our parents and the six million*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*

*Arie & Ida Crown Memorial*

*The Seymour Grubman Family*

*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*

*Max Palevsky*

*Robert Price*

*Righteous Persons Foundation*

*Lief D. Rosenblatt*

*Sarah and Ben Torchinsky*

*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave,* or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

---

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

יעקב עגיט

# צו א ניי לעבן

(צוויי יאָר יידישער ישוב אין נידערשלעזיע)

מיט אַ פאָרוואָרט פון פאָרזיצער
פון דער קולטור־אָפּטיילונג ביים
צענטראַל קאָמיטעט פון יידן אין פוילן
ה. סמאָליאַר

פאַרלאַג
„נידערשלעזיע"
וראָצלאַוו — 1947

J. EGIT

**CU A NAJ LEBN**

(Dwa lata osiedla żydowskiego na Dolnym Śląsku)

**TO A NEW LIFE**

(Two Years Of The Jewish Settlement in Lower Silesia)

WYDAWNICTWO »NIDERSZLEZJE« WROCŁAW 1947

# פֿאָרוואָרט

ס'איז זיכער אַן אַקט פון גרויסער געשיכטלעכער גערעכטיקייט:

גראָד אויף דער **נידערשלעזישער** ערד, וועלכע איז אין משך פון יאָרן צוגעגרייט געוואָרן דורכן דייטשן מיליטאַריזם אַלס אָנפאַל־באַזע קעגן די פרייהייט־ליבנדיקע פעלקער. גראָד אויף דער דאָזיקער ערד, ווו די אויסראָטער האָבן אויסגעבויט צענטליקער מאָרד־לאַגערן און אומקום־פלעצער פאַר טויזנטער און טויזנטער יידן, איז אויפגעקומען אונזער גרעסטער ישוב אין באַפרייטן פוילן.

אויספירן דעמדאָזיקן גערעכטיקייט־אַקט האָבן אויף זיך גענומען די יידן מיט די געשטרייפטע לאַגער־קליידער, די אָפּגעראַטעוועטע פון די גאַז־קאַמערן, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט דער באַפרייונג באַקומען דעם פאַרשטאַרקטן דראַנג צום אויפריכטן דאָס לעבן, צום באַזינען זייער מענטשלעכן און נאַציאָנאַלן ווידערגעבורט. צו הילף די דאָזיקע מענטשן־שאָטנס האָבן געאיילט זייערע ברידער אין די זעלנער־מונדירן, וועמענס געווער האָט נאָך נישט באַוויזן זיך אָפּצוקילן פון דער נאָר וואָס פאַרענדיקטער שיסעריי.

שוין דאַן, אין די ערשטע אויפקום־טעג פונם נידערשלעזישן יידישן ישוב, איז דער מאָמענט פון צילבאַוווסטן שטרעבן, ווי אַ פאַרלייקענונג פון צופעליקייט און סטיכישקייט, געווען דער דאָמינירנדיקער. געשטרעבט האָבן פאַראיינזאַמטע יידן צו דערפילן זיך נאָענט איינער צום אַנדערן, כדי די דאָזיקע נאָענטקייט זאָל כאָטש טיילווייז פאַרבייטן די אומגעקומענע משפחות, זי זאָל דערוואַרעמען און דערמוטיקן צום אויסדויערן און בייקומען אַלע שוועריקייטן, וואָס האָבן געלויערט אויף שריט און טריט. געשטרעבט האָבן די פיאָנערן־בויער, אַז דער נייער ישוב זאָל זיין אַ המשך פון אַלדאָס גוטס פון פוילישן יידנטום, אַז דער נייער ישוב זאָל אויפקומען, ווי דער רעאַליזירטער טרוים, וואָס עס האָבן במשך פון יאָרצענטליקער ליידן און קאַמף אויסגעטראָגן די בעסטע מענטשן פון אונזער פאָלק.

אַזוי פורעמען דאָס ניי־אויפגייענדיקע לעבן האָבן געוואָלט די ערשטע

עקשנותדיקע בויער פונם יידישן ישוב אין נידערשלעזיע, צו וועלכע ס׳געהערט דער מחבר פון דעמדאָזיקן ביכל, יעקב עגיט. דער סך־הכל פון צוויי יאָר יידישער אויפבוי־אַרבעט אין נידערשלעזיע איז אַ בשורה, אַז דער דאָזיקער ווילן און טרוים איז היינט שוין אַ שטיק רעאַלע וואָר.

ווי אַזוי איז מעגלעך געווען צו דערגרייכן אין אַזאַ לפי ערך קורצער צייט, אַז דאָרט, ווו עס האָט געהערשט דער ווילדסטער שונא פון אונזער פאָלק, זאָל אויפקומען אַ האַסטיק, פולסירנדיק לעבן?

פון יעדער שורה פון יעקב עגיטס דין וחשבון דרינגט אַרויס דער אמת, וואָס זאָגט:

— דאָס איז מעגלעך געוואָרן דערפאַר, ווייל נישט די ווילדע, ברוטאַלע סטיכיע, נאָר דער אָרגאַניזירטער ווילן פונם פאָלק געשטאַלטיקט דאָס לעבן אינם נייעם, פאָלקס־דעמאָקראַטישן פוילן — אַלזאָ אויך דאָס לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

און נאָך דערציילן די באַשיידענע זייטלעך פון דעמדאָזיקן ביכל:

— די איינִיקייט פון טאַט, וועלכע איז געשמידט געוואָרן דורך דעם אָנפירנדיקן אָרגאַן פון נידערשלעזישן ישוב — דעם יידישן וואָיעוואָדישן קאָמיטעט, און דורך דיווירקלעך דעמאָקראַטיש־יידישע געזעלשאַפטלעכע כוחות, האָט גע־געבן די מעגלעכקייט מאַקסימאַל־שפּאָרזאַם און ווירקנדיק צו פאַרווענדן די שעפערישע ענערגיע פון דער יידישער באַפעלקערונג.

יידישע מענטשן, וואָס שטייען אויף די פאַרשידנסטע פאָזיציעס פונם פּיל־זייטיק־אויפקומענדיקן לעבן פילן די גרויסע מלוכהשע אחריות, וואָס עס ליגט אויף זיי, אַלס טייל פון דער פילמיליאָניקער פוילישער באַפעלקערונג, וועלכע איז געקומען אויף דער צוריק דעראָבערטער אַלטער פוילישער ערד, כדי אָפּווישן פון איר יעדן שפּור פון אונזער בלוט־שונא און זי פאַרוואַנדלען אין אַ פעסטונג צום פאַרזיכערן דעם שלום אין אייראָפּע. דער באַוווסטזיין פון דעראָדיקער אחריות פאַרפילפאַכט די עקשנות און שטרעבונג צו דערגרייכן וואָס מער רע־זולטאַטן אין דער קאָנסטרוקטיווער אַרבעט.

„צי ווּעמען וועט עס יאָ געפעלן, צי נישט — בויט אייער ניי לעבן אויף דעראָזיקער נייער ערד״ — האָט ביים סאַמע אָנהויב פון ישוב באַפוילן זיינע פיאָנערן־בויער דער דעמאָלטיקער פוילישער מיניסטער אָ כ אַ ב.

ווייסט עס די יידישע באַפעלקערונג, אַז אין דער וועלט זענען נאָך פאַראַן אַזעלכע, וועמען עס געפעלט נישט, וואָס מיר האָבן אונזערע היימען דאָ געבויט און זיי פאַרוואַנדלט אין איינגעפונדעוועטע פאָזיציעס. אוודאי איז דער־פון נישט צופרידן דער ה׳ שומאַכער און אַלע זיינע פראָ־היטלערישע גוטווינ־טשער און מיטהעלפער...

פאַרשטייט עס די יידישע באַפעלקערונג, אַז יעדע דערגרייכונג אונזערע אויף דער נידערשלעזישער ערד איז אַ דערגרייכונג פאַר אונזער גאַנצן פאָלק, וואָס וויל נישט, אַז עס זאָלן ווען ס׳איז קומען צו זיך די רעאַקציע-כוחות, וואָס שטרעבן אונז צו פאַרטיליקן.

דער צוויי-יאָריקער אויפטו פון די יידן אין נידערשלעזיע מוטיקט אונז אַלעמען און קרעפטיקט אונזער גלויבן אינם אויפבלי און וווקס פונם שעפע-רישן יידישן לעבן אינם דעמאָקראַטישן פוילן.

הערש סמאָליאַר

# ניערשלעויטש

„אַן די מערב־געגנטן וואָלט פּוילן גלייך געווען צו אַ גוף אַן הענט און אָן פיס. אָפּרייסן פון פּוילן נידער־שלעזיע און שטשעטשין וואָלט באַדייט דאָס זעלבע, ווי אַמפּוטירן ביי אַ מענטשן ביידע פיס".

וו. גאָמולקאַ־וויעסלאַוו

די מערב געגנטן, וועלכע האָבן בעת דער לעצטער מלחמה זיך אומגעקערט צו פּוילן, זענען מיט הונדערטער יאָרן צוריק געווען א באַשטאַנדטייל פון דער פּוילישער מלוכה. די דאָזיקע ערד איז געווען אַ סלאַווישע, באַוווינט דורך אַ ריין פּוילישער באַפעלקערונג.

אַ דאַנק דעם נצחונדיקן קאַמף פון די אַרמייען פון סאָוויעטן פאַרבאַנד און פּוילן קעגן היטלער־דייטשלאַנד איז די דאָזיקע ערד ווידער געוואָרן אַן אָרגאַנישער טייל פון דער פּוילישער רעפּובליק.

נידערשלעזיע נעמט אַרום אַ שטח פון 27 טויזנט קוואַדראַט־קילאָמעטער. די באַפעלקערונג פון נידערשלעזיע האָט אין יאָר 1939 געציילט 3 מיליאָן מיט 237 טויזנט נפשות. פון מערב זייט גרענעצט זיך נידערשלעזיע מיט דער סאָוויעטישער אָקופּאַציע־זאָנע פון דייטשלאַנד, און פון דרום מיט דער טשעכאָסלאָוואַקישער רעפּובליק.

נידערשלעזיע ליגט פון 150 ביז 180 מ. איבער דער ים־פלאַך. די דורכשניטלעכע יערלעכע טעמפּעראַטור באַטרעפט פון $+7^{0}$ ביז $-9^{0}$ C. דער אונטערשייד צווישן דעם וואַרעמסטן און קאַלטסטן מאָנאַט פון יאָר באַטרעפט $20^{0}$ C, וואָס זאָגט עדות וועגן דער מילדקייט פון קלימאַט, וועלכער איז זייער גינסטיק פאַר דער לאַנדווירטשאַפט. די וועלדער פאַרנעמען ביז 30 פּראָצ. פונם גאַנצן שטח. די גרעסטע שטעט אין נידערשלעזיע זענען: וראָצלאַוו

(ברעסלאַו) מיט 630 טויזנט איינוווינער פאַר דער מלחמה, וואַלבזשיך (וואַלדענבורג) מיט 235 טויזנט איינוווינער, זגאָזשעליצע (גערליץ) מיט 93 טויזנט איינוווינער, לעגניץ (ליגניץ) 83 טויזנט, יעלעניאַ־גוראַ (הירשבערג) א. א. דער אונטערשייד צווישן די גרעסערע שטעט און די קלענערע איז נישט קיין באַדייטנדיקער. אומעטום — אורבאַניסטישע אַרכיטעקטור, וואַסערלייטונג, עלעקטרישע באַלויכטונג, גאַז־באַהייצונג, אינדוסטריע־אונטערנעמונגען א. ד. גל. עס ציען זיך דאָ באַן־ליניעס אויף דער לענג פון 5700 קמ. — אויטאָסטראַדן און אַ גרעסערע נעץ פון אַלטע אויטאָ־וועגן. עס זענען אויך דאָ פאַראַן גרויסע מעגלעכקייטן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער וואַסער־קאָמוניקאַציע אויף די באַדייטנדיקע, טייך־אַרטעריעס פון אָדער און ניסע.

פאַר דער מלחמה איז איבער 35 פראָצ. פון דער נידערשלעזישער באַפעלקערונג געווען באַשעפטיקט אין די קוילן גרובנס און אין דער שווערער אינדוסטריע, איבער 20 פראָצ. אין דער לאַנדווירטשאַפט, ביז 15 פראָצ. — אין האַנדל. די לאַנדווירטשאַפט, איז געווען זייער הויך אנטוויקלט. די נאַטירלעכע גערעטעניש: ווייץ, — 18 צענטנער פונם העקטאַר, קאָרן — 13, גערשטן — 21, האָבער — 20, קאַרטאָפל — 123, צוקער־בוראקעס — 267. שטאַרק אַנטוויקלט איז די סעדערווירטשאַפט און די גערטנערײַ. די שפע פון לאַנדווירטשאַפטלעכער פראָדוקציע פון נידערשלעזיע שטייגט איבער די קאָנסומציע מעגלעכקייטן פון איר באַפעלקערונג.

א דאנק די קוילן גרובן האָט נידערשלעזיע א שטאַרק אנטוויקלטע ווירטשאַפט, וואָס רוקט ארויס די דאָזיקע אַלטע פוילישע געגנט אין פאָדערגרונט פון די פוילישע אינדוסטריע צענטרען. די וואַלבזשיכער עלעקטראָסטאַנציע איז איינע פון די גרעסטע אין פוילן. זי גיט ביליקע ענערגיע. וואַלבזשיך עקספּאָרטירט אייך עלעקטראָענערגיע קיין טשעכאָסלאָוואַקיע. די ריזיקע וואַלבזשיכער קאָקסאויוונס גיבן א גרויסע צאָל גאַז.

אחוץ קוילן פאַרמאָגט נאָך נידערשלעזיע אנדערע אוצרות, ווי למשל קאָלירטע מעטאַלן. אין זאָמבקאָוויצע זענען פאַראַן ניקל־גרובנס, בליי, מעש, א. א. די יערלעכע פראָדוקציע באַטרעפט דאָ 6 טויזנט טאָן א יאָר. ארסען איז פאַראַן אין ריכשטיינער קרייז, אויף די גרויסע בערג אין יעלעניא גורא. ארסען־גרובנס און א כעמישע פאבריק איז פאַראן אין ראוונע. זי איז געלאָזט געוואָרן אין גאנג אין יאר 1945. די

פראָדוקציע-מעגלעכקייטן פון דער דאָזיקער פאַבריק באַטרעפן 2 טויזנט טאָן ארסען יעדלעך און אלס זייטיקע פראָדוקציע—60 קג. גאָלד. אגב, איז די פאַבריק די איינציקע פון דעם מין אין גאַנץ אייראָפּע. שטארק אנטוויקלט איז די מעטאלורגישע אינדוסטריע אין יעלעניא גורא און אין שכנותדיקן וואַלבזשיך. דאָרטן ארבעטן די נייעסטע מאַשין-פאַבריקן.

אַ וויכטיקער צענטער פון דער גרויס אינדוסטרי איז די שטאָט ווראָצלאַוו מיט דער גרעסטער, נאָכן ראַטן-פאַרבאַנד, אין אייראָפּע לאָקאָמאָטיוו - און וואַגאָנען-פאַבריק. דאָס לאָזן אין גאַנג די פאַבריק איז אַ בולטער באַווייז מיט וויפל מי דאָס פוילישע פאָלק בויט צוריק אויף זיין אינדוסטריע. נאָך אין יולי 1945 איז דאָס געווען אַ חורבה, אָן מאַשינען, אָן מכשירים, אָן שויבן, אָן צופלוס פון ענערגיע, וואַסער און גאַז. היינט איז עס אַ פּרעכטיקע פאַבריק פול מיט לעבן. אין דעצעמבער 1945 האָט די פאַבריק שוין אויסגעאַרבעט 45 וואַגאָנען, אין יאַנואַר 1946 — 100 וואַגאָנען און אין מערץ — 196 וואַגאָנען. אין משך פון יאָר 1946 זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן איבער דריי טויזנט משא-וואַגאָנען. אין 1947 וועט שוין די דאָזיקע פאַבריק אויסאַרבעטן ספעציעלע פאַסאַזשיר-און שלאָף-וואַגאָנען.

אַ ביז גאָר וויכטיק אָרט פאַרנעמט אין נידערשלעזיע די פראָדוקציע פון דער כעמישער אינדוסטריע. אין דער צייט פון דער מלחמה האָט די כעמישע אינדוסטריע פראָדוצירט פיל אויפרייס-מאַטעריאַל פאַר היטלערס אַרמייען. איצט פאַרזאָרגט זי מיט קינסטלעכער באַמיסטיקונג די פוילישע לאַנדווירטשאַפט, פראָדוצירט פאַרבן, זויער-שטאָפן און מעדיקאַמענטן. אין דער געגנט פון יעלעניאַ-גוראַ און וואַלבזשיך זענען אַחוץ גרויסע גלאָז-פאַבריקן אויך פאַראַן פאַבריקן פון פאָרצעלייַ, אָפּטישע גלאָז און צעלולאָיד. עס ווערט אויך אויסגעאַרבעט קינסטלעכער צעלולאָיד און קונסט-וואָל. אין נידערשלעזיע איז אויך פאַראַן 15 פאַבריקן פון צעראַמישע אויסאַרבעטונגען, וועלכע זענען שוין געלאָזט געוואָרן אין גאַנג. זיי פראָדוצירן קיך-פאָרצעלייַ (פון דער וועלט-באַרימטער פאַבריק „קרייסטער-טיילש" אין וואַלבזשיך), עלעקטראָטעכנישע פאָרצעלייַ, ווי אויך פאַיאַנס. די פראָדוקציע-מעגלעכקייטן זענען 12 טויזנט טאָן קיך-פאָרצעלייַ, 5 טויזנט טאָן עלעקטראָטעכנישע פאָרצעלייַ און 3 טויזנט טאָן פאַיאַנס. עס איז כדאי צוצוגעבן, אַז פאַר דער מלחמה האָט די פראָדוקציע פון פאָרצעלייַ אין פוילן באַטראָפן 5 טויזנט טאָן.

אַ דאַנק דעם, וואָס עס איז צוריק דעראָבערט געוואָרן די אַלטע פּוילישע ערד, איז אונזער טעקסטיל-אינדוסטריע שטאַרק באַרייכערט געוואָרן. זי האָט צוריק באַקומען ביי 15 טויזנט וועב-שטולן. וואָס פאַר אַ באַדייטונג דאָס האָט פאַר אונזער לאַנד קאָן דרינגען דערפון, וואָס לאָדזש, ביאַליסטאָק און ביעלסק צוזאַמען פאַרמאָגן 22 טויזנט וועב-שטולן. די טעקסטיל-אינדוסטריע אין נידערשלעזיע איז אָרגאַניזירט אין 2 צענטרען. איין צענטער איז אין ריכבאַך. ער נעמט אַרום דעם דרום-טייל פון נידערשלעזיע, אין וועלכן עס גייען אַריין די טעקסטיל פאַבריקן פון ריכבאַך, ביעלאַווע, פּיאָטראָלעשע מיט דעם גרויסן „דיררינג"-קאָמבינאַט אין ביעלאַווע, וואָס באַשעפטיקט 4 טויזנט אַרבעטער. דער צווייטער צענטער איז אין לובאַן. ער נעמט אַרום דעם צפון-מערבדיקן טייל פון נידערשלעזיע, אין וועלכן עס גייען אַריין די פאַבריקן לובאַן, זשאַרי און זשעגאַן. עס זענען אויך פאַראַן גרעסערע פאַבריקן פאַר וואָל-אויסאַרבעטונגען אין יעלעניאַ-גוראַ, זשעלאָנא גוראַ, קושיזשאַטקע, זגאָזשעליצע, שווידניצע און אין גערשטשע פוסטע. אין קושיזשאַטקע ווי אויך אין יעלעניאַ גוראַ זענען פאַראַן פאַבריקן פון טעפּיכער, וואָס אַרבעטן אויס אַ דריטל פון דער אַלגעמיינער פּראָדוקציע אין לאַנד. אין יעלעניאַ גוראַ איז אויך דאָ אַ זאָקן-פאַבריק, וועלכע אָרגאַניזירט די פּראָדוקציע פון פערלאָנענע זאָקן.

אין נידערשלעזיע איז באַדייטנד אַנטוויקלט די האָלץ-אינדוסטריע. פאַראַן דאָ אַ גאַנצע ריי פאַבריקן פון מעבל, האָלץ-וואָל, קיך-כלים, געצייג צום צייכענען און מאָלן און פון קינדער-שפּילצייג.

די פּוילישע אַרמיי, קעמפנדיק האַנט ביי האַנט מיט דער סאָוויעטישער אַרמיי, האָט דערפירט צום גרויסן נצחון איבער דעם היטלערישן שונא. עס איז צוריק אָפּגענומען געוואָרן די אַלטע פּוילישע ערד, אויף וועלכער דער פיינט האָט יאָרן לאַנג געבויט זיינע אָנפאַל-פּאָזיציעס. עס איז איינמאָל פאַר אַלעמאָל ליקווידירט געוואָרן די דייטשע מיליטערישע אָנגריף-באַזע קעגן פּוילן. דער פאַקט, וואָס דידאָזיקע ערד געהערט איצט ווידער צו פּוילן האָט אָפּגעשוואַכט דעם פּאָטענציאַל פון דעם דייטשן אימפּעריאַליזם און פאַרזיכערט שלום די פרייהייט-ליבנדיקע פעלקער. דאָס פאַרקירצן די גרענעץ צווישן פּוילן מיט דייטשלאַנד פון 1900 קמ. אין 1939 יאָר אויף 400 קמ. ביים היינטיקן טאָג האָט פאַרשטאַרקט די פאַרטיידיקונגס-שאַנסן פון פּוילן אין 5 מאָל מער, ווי פאַר דער מלחמה.

# ייִדן
# אין בירשלעוויטש

## יידן אין נידערשלעזיע פאַר דער מלחמה.

פאַר דער מלחמה זענען אין נידערשלעזיע געווען אַ סך טויזנטער יידן. אַן ערך 30 טויזנט יידן האָבן געלעבט בלויז אין ווראָצלאַוו, ווו עס איז געווען איינע פון די גרעסטע יידישע קהלות אין דייטשלאַנד. אין ווראָצלאַוו זענען געווען פיל יידישע אינסטיטוציעס. דער גרעסטער טייל פון זיי האָט געטראָגן אַ רעליגיעזן כאַראַקטער, (ווי למשל אַ גרויסער ראַבינער־סעמינאַר). דאָ האָט געלעבט און געשאַפן דער באַוווסטער יידישער היסטאָריקער גרעץ.

יידן האָבן אויך געלעבט אין אַ גאַנצער ריי שטעט אין נידערשלעזיע, ווי אין וואַלבזשיך, ריכבאַך, שווידניץ, לעגניץ א. אַ. סימנים פון אַמאָליקן יידישן לעבן זענען ביזן איצטיקן טאָג געבליבן אין ווראָצלאַוו — די גרויסע שול, די קהלה־בנינים און אַ ריי הייזער פון יידישע אינסטיטוציעס, אין וועלכע עס געפינט זיך היינט אויך דאָס זיך־אָרט פונם יידישן וואָיעוואָדישן קאָמיטעט. אין ריכבאַך, אין זשעמביצע און אין אַנדערע מקומות זענען געבליבן גרויסע יידישע שולן. ס'זענען אויך פאַראַן יידישע בית־עלמינס.

די נידערשלעזישע יידן האָבן על־פי־רוב זיך פאַרנומען מיט האַנדל. אַ סך פון זיי זענען געווען אייגנטימער פון גרויסע פאַבריקן און הייזער. עס זענען אויך געווען אַ סך יידישע געלערנטע, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן א. אַ. וו.

ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט האָבן זיך אָנגעהויבן שרעקלעכע פאַרפאָלגונגען קעגן די יידן. גרויסע צרות זענען דעמאָלט אויסגעשטאַנען די דייטשע יידן. טייל זענען אומגעקומען אין די דייטשע לאַגערן. אַ קלייגער טייל האָט באַוויזן אויסצוואַנדער'ן קיין אויסלאַנד. אַ געוויסע צאָל יידן און האַלב־יידן (מישלינגען) האָבן איבערגעלעבט די מלחמה, אויסבאַהאַלטנדיק זיך צלס דייטשן, דער עיקר אין די גרויסע שטעט, ווי ווראָצלאַוו, קלאַדוקא און יעלעניאַ גורא.

די יידישע אינטעליגענץ אין געוועזענעם דייטשן נידערשלעזיע האָט צרייכגעוויזן גרויס פאַרשטענדניש פאַר דער „וויסנשאַפט דעס יודנטומס", שטו־

דירנדיק חכמת היהדות. צו דער לעבעדיקער יידישער מאַסן קולטור און שפּראַך האָבן די דאָזיקע יידן קיין גרויסן אינטערעס נישט אַרויסגעוויזן.

## יידן אין נידערשלעזיע בעת דער מלחמה.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער דייטשער מלחמה־אָנגריף קעגן פּוילן, האָבן די היטלעריסטן גענומען בויען קאָנצענטראַציע־לאַגערן און קרעמאַטאָריעס פאַר דער באַפעלקערונג פון פּוילן, דער עיקר פאַר די פּוילישע יידן. גאַנץ נידערשלעזיע איז באַדעקט געוואָרן מיט אַ געדיכטער נעץ פון קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

דער גרעסטער פאַרניכטונגס־לאַגער אין נידערשלעזיע, מיט אַ ריזיקער קרעמאַטאָריע, האָט זיך געפונען אין גראָס־ראָזען, צווישן לעגניץ און ריכבאַך. די שוידערלעכע באַדינגונגען פון אַרבעט, די ראַפינירטע פּייניקונגען זענען געווען די זעלביקע, וואָס אין אָשוויענטשים און מײַדאַנעק. אין דעם דאָזיקן לאַגער האָבן מענטשן געאַרבעט עבודת־פּרך אין די שטיין־האַקערייען. שנעל זענען די מענטשן דאָרט אויסגעמוטשעט געוואָרן און די היטלעריסטן פלעגן זיי אַלעמען שיקן אין די שרעקלעכע אויוונס פון דער קרעמאַטאָריע. דער לאַגער אין גראָס־ראָזען האָט געהאַט אַ ריי אָפּטיילונגען, כלומרשטע אַרבעטס־לאַגערן, ווי די „ספּאָרט־שול" אין ריכבאַך, די לאַגערן אין וואַלבזשיך, סטזשעגאָם און אין אַנדערע ערטער פון נידערשלעזיע.

גאָר אַ גרויסער לאַגער איז געווען אין בליכהאַמער, אויף דער גרענעץ צווישן נידער- און אויבערשלעזיע. צווישן די געפאַנגענע, סיי אין גראָס־ראָזען, סיי אין בלעכהאַמער זענען געווען מענטשן פון אַ סך פעלקער, הויפּטזעכלעך פּאָליאַקן און יידן.

אין בילאַווע, אין דער טעקסטיל־פאַבריק „פלעכטנער", איז געווען אַ לאַגער פאַר יידישע מיידלעך. אין גראָסמאָסלאָוויץ, ביי וראָצלאַוו, אין קלעטענדאָרף, אין סטריגאָוו און אין גריידיץ זענען געווען לאַגערן פאַר יידישע געפאַנגענע. טויזנטער מענטשן זענען דאָרט אומגעקומען פון טיפוס און אַנדערע חולאתן.

אַ באַזונדער שרעקלעכן קאַפּיטל שטעלט מיט זיך פאָר דער יידישער פרויען־לאַגער אין ליודוויקאָוואַ (ליודוויקסדאָרף). דאָרט האָבן די דייטשן אויסגעבויט אַ גרויסע אַמוניציע־פאַבריק, וווּ יידישע פרויען האָבן געאַרבעט ביים וואָפן פולווער. עס זענען דאָרט געווען פאַרשידענע צעכן, וווּ מ'האָט אויסגעאַרבעט פאַרשידנקאָליריקן פולווער. די פרויען, וועלכע האָבן דאָרט געאַרבעט, האָבן אין זיך אַריינגעאָטעמט די מוראדיקע פולווער־שטאָפן. זייער הויט האָט


נידער-שלעזיען
קארטע פון לאגערן
אונטער דער דייטשישער אקופאציע
בזשעג
גראָסראָסען
וראצלאוו
רייכבאך

באַקומען דעם קאָליר פונם אויסגעאַרבעטן פולוואַר: רויט, בלוי, גרין, געל א. אַ. מער ווי דריי חדשים האָבן די מיידלעך דאָרט נישט געאַרבעט. זיי זע־נען גיך אויסגעשטאָרבן. אַזוי אַרום איז אויסגעוואַקסן אין דעם שיינעם לוד־וויקסדאָרף אַ גרויסער קבר פון העכער 500 יידישע מיידלעך.

אַ גלאַט־אויסגעפלאַסטערטע אויטאָסטראַדע אויף אַ שטח פון 300 קמ. פירט פון וראָצלאַוו דורך לעגניץ קיין בערלין. די דאָזיקע אויטאָסטראַדע, וועלכע איז געבויט געוואָרן אין די יאָרן 1940–42 איז דורכגעזאַפט מיטן בלוט פון טוי־זנטער יידישע „העפטלינגען", וועלכע זענען געווען מאָביליזירט אין דעם „אַר־בעטס־איינזאַץ". דער דורכרייזנדער, וועלכער שעפּט נחת פון דעם דאָזיקן גרויס־אַרטיקן וועג, גיט זיך נישט שטענדיק אָפּ אַ חשבון דערפון, אַז דער וועג איז אויסגעבויט געוואָרן דורך דער שקלאַפישער פּראַצע פון יידישע אַרעסטאַנטן, וועלכע זענען דאָ אין די טויזנטער געפאַלן.

דער וועג, וועלכער פירט פון דער טשעכישער גרענעץ גערשטשע פּוסטע (וויסטע גיסדאָרף) קיין ביעלאַווע איז געבויט געוואָרן אויסשליסלעך דורך יידן. דאָ זענען אומגעקומען בעת דער בויונג אַרום 20 טויזנט יידן. זיי געפי־נען זיך איצט אַלע אין די מאַסן־קברים פון גערשטשע פּוסטע.

אין די לאַגערן פון נידערשלעזיע זענען ס'רוב געווען יידן פון די אוי־בערשלעזישע שטעט כזשאַנאָוו, קאַטאָוויץ און פון דאָמבראָווע, סאָסנאָוויעץ א. אַ. דער עיקר יונגע מענטשן. זייער צאָל איז דערגאַנגען ביז 50 טויזנט. געווען זענען אָבער דאָ אויך זייער פיל יידן פון נישט פּוילישע מקומות. מען האָט זיי געבראַכט פון האָלאַנד, פראַנקרייך, טשעכאָסלאָוואַקיע און אונגאַרן. דער גרעס־טער טייל פון זיי איז דאָ אומגעקומען.

די נידערשלעזישע ערד איז דורכגעזאַפט מיט בלוט פון צענטליקער טויזנטער יידישע מיידלעך און בחורים.

## אין די פרילינג־טעג פון יאָר 1945.

עס זענען אָנגעקומען די ערשטע טעג פון חודש מאַי. ביז 15 טויזנט יידישע „העפטלינגען" האָבן זיך נאָך געפונען אין די לאַגערן פון ריכבאַכער און וואַלבזשיכער קרייז. מיט אַ ציטער אין האַרצן האָבן זיי זיך צוגעהערט צו יעדן אָפּקלאַנג פון די פראָנטן, וואָס איז צו זיי דערגאַנגען. זיי האָבן בחוש דערפילט דאָס אָנקומען פון דער אַזוי געצאַרטער באַפרייונג.

נישט געקוקט אויף די שרעקלעכע מפּלות, וואָס די דייטשן האָבן דע־מאָלט געליטן, האָבן זיי דאָך די לאַגערן נישט פאַנאַנדערגעלאָזט און ביז דעם לעצטן טאָג געפייניקט די יידן ביי דער אַרבעט. געדויערט האָט עס לאַנגע



דער קאָנצענטראַציע־לאַגער אין וואַלבזשיך
פון וועלכן ס׳איז געראַטעוועט געוואָרן אַ גרופּע יידן.

וואָכן. וורצלאַוו (דעמאָלט ברעסלאַו) איז שוין געווען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן דורך דער סאָוויעטישער אַרמיי. דער גרויסער אַרום דער שטאָט האָט זיך אַריבערגעטראָגן מיט זיין גאַנצער שאַרפקייט אין די נאָענטע לאַגערן.

די ס. ס. לייט האָבן באַקומען אַ באַפעל פון הימלער צו ליקווידירן די רעשטלעך איבערגעבליבענע יידן. זיי האָבן אָבער נישט באַוויזן דאָס דורכצופירן. מיט בליץ-שנעלע טריט האָבן זיך דערנענטערט די סאָוויעטישע און פוילישע אַרמייען. די מורא פאַר דעם יום-הדין, פאַר דעם אָנקומען פון די גרויזאַמע נקמה-נעמערס, וואַקסט אויס ביי די רוצחים ביז צו פאַניק. די ס. ס. לייט, די לאַגער-קאָמענדאַנטן, די קאַפּאָס און אַפילו אַ טייל פון דער דייטשער ציוויל-באַפעלקערונג אַנטלויפן אין בהלה. די ס. ס.-מענער, וואָס האָבן נישט באַוויזן צו אַנטלויפן, האָבן באַקומען די פאַרדינטע שטראָף פון די הענט פון זייערע „העפטלינגען". די דייטשן האָבן איבערגעלאָזט זייער אָנגערויבט האָב און גוטס, זייערע וווינונגען, קליידער און שפייז. אין די דאָזיקע געגנטן זענען געבליבן לגמרי נישט צעשטערט די פאַבריקן, די לאַנדווירטשאַפטן און זייער גאַנצע אויסשטאַטונג. די נעכטיקע מענטשן-„נומערן" — אָנגעטועטע אין קאַצעטאָרזשנע שטרייף קליידער זענען מיטאַמאָל געוואָרן די בעלי-בתים נישט נאָר פון זייער אייגן לעבן, נאָר אויך פון גאַנצן לאַנד מיט זיינע גרויסע רייכטימער.

אויסגעמאַטערטע, פאַרפייניקטע, דרייפערטל טויטע זענען זיי אַרויס פון די לאַגערן מיט איין מעכטיקן פאַרלאַנג אין האַרצן: נעמען נקמה! נקמה פאַר אַלע צרות, פאַר די דערמאָרדעטע מאַמעס און טאַטעס, פאַר געשענדעטע שוועסטער און געקוילעטע ברידער!

די דייטשן האָבן מיט רעכט מורא געהאַט פאַר די יידישע גואלי הדם. זיי האָבן אַלצדינג איבערגעלאָזן. זיי זענען אַנטלאָפן אָדער אויסבאַהאַלטן זיך פאַר די יידן. די, וועלכע זענען נאָך געבליבן, האָבן ממשותדיק דערפילט דעם אויסברוך פון צאָרן און נקמה פון די יידישע „העפטלינגען"...

שוין עטלעכע טעג פאַר דער באַפרייונג איז אַנטשטאַנען אין קאָנצענטראַציע-לאַגער „ספּאָרט-שול" אין ריכבאַך דער ערשטער יידישער קאָמיטעט, דער אזוי גערופענער „קאָמיטעט פון געוועזענע העפטלינגען". ער איז באַשטאַנען פון מענטשן, וואָס האָבן די גאַנצע צייט אין די לאַגערן אָנגעפירט מיט אַ כסדרדיקער סאַבאָטאַזש-אַקציע קעגן די היטלעריסטן. די יידן האָבן זיך באַמיט וואָס מער צו פטרן בוי-מאַטעריאַלן, אַרויסנעמען טיילן פון מאַשינען, אַרויסלאָזן בענזין און אייל פון אויטאָס און טאַנקן. אין דעם קאָמיטעט זענען אַריין שמעון באָליצקי, אַן אַלטער אַרבעטער-טוער פון דאָמבראָווע, יעקב ראָזנבערג פון דאָמבראָווע, אייזנבערג פון וואַרשע און לינקאָווסקי פון כזשאַנאָוו.

פריער פאַר אַלץ האָט דער קאָמיטעט זיך גענומען איינצושאַפן קליידונג

און עסן. דאָס האָט דאַן נישט געפעלט. אַ גרויסער טייל פון די באַפרייטע האָט זיך באַזעצט אין די פאַרלאָזענע דייטשע הייזער.

אויף צומאָרגנס, ווען די סאָוויעטישע אַרמיי איז אַריין אין ריכבאַך, האָבן די יידישע לאַגעריסטן איינגעאָרדנט פאַר די העלדן-באַפרייער אַ האַרציקן קבלת־פּנים. מיט בלומען, מיט געזאַנג און מיט אָפענע אָרעמס זענען די באַפרייער באַגעגנט געוואָרן דורך די באַפרייטע פון די קאַלך אויוונס.

אַ גרויסער טייל פון די באַפרייטע יידן זענען געווען קראַנק און אויסגעמאַטערט. געראַטעוועטע פוסטע (וויסטע גיסדאָרף) איז געוואָרן אַ קראַנקן לאַגער פאַר טויזנטער יידן. אויף דער פאָדערונג פון דער סאָוויעטישער אַרמיי ווערן זיי אַריבערגעפירט אין די מלוכה בנינים, אין די שולן, ווו עס ווערן גלייך איינגעאָרדנט שפּיטעלער. די באַפרייערישע אַרמיי באַזאָרגט זיי מיט דאָקטוירים און מעדיקאַמענטן. זייער פיל האָט מיטגעהאָלפן ביים היילן די קראַנקע יידן דער געוועזענער „העפטלינג“ ד״ר ציטראָן פון ביאַליסטאָק, וועלכער האָט מיט לייב און לעבן געאַרבעט ביים אָרגאַניזירן די שפּיטעלער. די באַפרייונגס-אַרמיי לייגט אַרויף אַ קאָנטריבוציע אויף דער איבערגעבליבענער דייטשער באַפעלקערונג, וועלכע ווערט געצוווּנגען צוצושטעלן פּוטער, אייער, מילך, פלייש און גרינסן פאַר די קראַנקע יידן. דאָס זעלבע קומט אויך פאָר אין לודוויקסדאָרף, ווו עס זענען לעבן געבליבן ביז 500 יידישע פרויען. זיי קומט נאָך אויס צו לעבן אַ קורצע צייט אין די לאַגערן ביז דער ניי-אַנטשטאַנענער יידישער קאָמיטעט האָט זיי געגעבן וווינונגען, וועלכע זענען געבליבן נאָך די אַנטלאָפענע דייטשן.

אין יענע הייסע טעג האָבן נאָך אויפן שטח פון נידערשלעזיע געווילדעוועט פאַרשידענע צעקלאַפּטע היטלעריסטישע באַנדעס. ס׳ווערט תיכף געשאַפן אַ יידישע מיליץ אונטער דער אָנפירונג פון געוועזענעם לאַגעריסט גאָלדבלום. די דאָזיקע מיליץ באַקומט פון דער אַרמיי געווער און נעמט איבער די וואַך איבער די פאַבריקן, וואַרשטאַטן און געזעלשאַפטלעכן האָב און גוטס אין דער גאַנצער געגנט. דער געשאַפענער יידישער קאָמיטעט פירט אַדורך אַ גענויע רעגיסטראַציע פון אַלע לעבנגעבליבענע יידן און אָרגאַניזירט אין אַלע פונקטן פאָלקס-קיכן.

עס הייבט אָן אויפצוגיין אַ ניי לעבן. מען פילט עס בפירוש, אַז די לעצטע טעג פון בלוטיקן היטלער-רעזשים זענען גלייכצייטיק די געבורט-טעג פון אַ נייעם, אויפגייענדיקן לעבן אין נידערשלעזיע.

אַ סך פון די „העפטלינגען“ ציט צוריק צו דער אַלטער היים. מען וויל וויסן, ווער עס איז פון די סאַמע נאָענטסטע לעבן געבליבן. אַ גרויסע צאָל פון די מערב אייראָפּעישע יידן, וואָס זענען דאָ געבליבן לעבן, בעיקר פון האָלאַנד, פראַנקרייך און טשעכאָסלאָוואַקיע קערן זיך אום צוריק אין זייערע היימען, אויף אויטאָמאַשינען, וועלכע זענען אַהער געשיקט געוואָרן דורך זייערע

רעגירונגען. די פּוילישע יידן, וועלכע הויבן אָן צו באַזוכן זייערע שטעט אין צענטראַל-פּוילן, געפינען דאָרט קיינעם נישט – נישט קיין היים און נישט קיין פריינט... אָפט געפינט מען אַפילו נישט קיין מצבה אויף די אַלטע בית-עלמינס. קומט מען דעריבער צוריק ריכבאַך, קיין וואַלבזשיך, קיין ביעלאַווע און אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך פון נידערשלעזיע. מען גייט צוריק אַהער, ווו מען איז לאַנג געפיייניקט געוואָרן און ווו מען האָט געהאַט די זכיה צו ווערן באַפרייט. זיי זעען אין יעדן לעבן-געבליבענעם ייד, וועלכער האָט מיט זיי מיטגעבלוטיקט אין די לאַגערן, אַ נאָענטן, וועלכער דאַרף זיי פאַרבייטן די משפחה. עס שאַפט זיך צווישן די לעבנגעבליבענע אַ האַרציקע אַטמאָספער פון האַרמאָנישן צוזאַמענלעבן.

## אַ נײַ לעבן גייט אויף

עס ווערט געבוירן דער געדאַנק: דאָ בויען אַ נײַ לעבן. דאָ אויף דער ערד, ווו היטלער האָט געוואָלט אומברענגען די שארית פון יידישן פאָלק – דאָ שאַפן אַ נייעם יידישן ישוב. דער געדאַנק האָט באַדײַט, אַז דאָ אין דעם שיינעם ווינקל, ווו די מלחמה האָט נישט איבערגעלאָזן קיין גאָר גרויסן חורבן, זאָלן יידן איבערנעמען דאָס האָב און גוטס און אָנהויבן בויען פון דאָס נײַ זייער לעבן. זאָל דאָס זיין ווי אַן אָנהויב פון אַ רעקאָמפּענסאַציע.

דער געדאַנק ווערט וואָס אַמאָל רייפער און באַקומט בלוט און פלייש. די ערשטע דעלעגאַציע, וועלכע ווערט אַרויסגעשיקט צום צענטראַל-קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן אין וואַרשע ווערט דאָרט גאָר וואַרעם אויפגענומען. מיט טרערן אין די אויגן נעמט אויף די דעלעגאַציע דער פאָרזיצער פון דעם צענטראַל-קאָמיטעט ד"ר זאָמערשטיין, וועלכער דערקלערט: „נידערשלעזיע הויבט אָן אַ נײַ קאַפּיטל פאַר דער שארית הפליטה פון די פּוילישע יידן. דורך דעם אויפגעעפנטן פענסטער אין נידערשלעזיע וועלן יידן קענען פריי אָפּעטעמען".

די דעלעגאַציע גייט אויך צו דער ציייטווייליקער פּוילישער רעגירונג, וועלכע נעמט אויף די יידן זייער האַרציק. די רעגירונג שיקט צו אַ בריוו צום וואָיעוואָדע פון נידערשלעזיע פּיאַסקאָווסקי, אין וועלכן אים ווערט פאָרגעלייגט צו געבן די ווייטגייענדיקסטע שטיצע די באַפרייטע יידן.

די רעזולטאַטן, מיט וועלכע עס קומט צוריק די דעלעגאַציע, ווערן אויפגענומען דורך די יידן אין נידערשלעזיע מיט גרויס באַגייסטערונג. עס איז געלייגט געוואָרן דער ערשטער ווינקלשטיין צום נייעם יידישן ישוב. יידישע קאָמיטעטן ווערן געשאַפן אין אַ ריי שטעט און שטעטלעך.




# נידער-שלעזיען
## קאַרטע פון יידישע ישובים
יוני 1945

פינף וואָכן נאָך דער באַפרייונג, דעם 17 יוני 1945 ווערט צונויפגערופן די ערשטע וואָיעוואָדישע קאָנפערענץ פון די יידישע קאָמיטעטן אין נידערשלעזיע. די קאָנפערענץ באַהאַנדלט אַלע פּראָבלעמען, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט דער בוויונג פון נייעם יידישן ישוב. עס ווערט אויסגעוויילט די ערשטע יידישע רעפּרעזענטאַנץ פאַר גאַנץ נידערשלעזיע. די דאָזיקע קאָנפערענץ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאַניפעסטאַציע פונם נייעם אויפגייענדיקן יידישן קבוץ.

ריכבאַך, די שטאָט, ווו עס גרופּירט זיך די גרעסטע צאָל יידישע „העפטלינגען", ווערט דער סינאָנים פון יידישן ווידערגעבורט. דאָרט ווערט געשאַפן דער וואָיעוואָדישער יידישער קאָמיטעט. צו דער קאָנפערענץ קומען 50 דעלעגאַטן פון 6 שטעט: פון ריכבאַך, ביעלאַווע, פּיאָטראָליעשע, לודוויקסדאָרף, וואַלבזשיך און גערשטשע פּוסטע. די קאָנפערענץ קומט פאָר אין איינעם פון די שענסטע בנינים פון דער שטאָט — אינם הויז פון דעם יידישן וואָיעוואָדישן קאָמיטעט. אין פּרעכטיקע זאַלן, דעקאָרירט מיט בלומען און לאָזונגען און אין אַ געהויבענער שטימונג באַערט די קאָנפערענץ דעם אָנדענק פון אַלע יידן, וועלכע זענען אומגעקומען אין די לאַגערן. די קאָנפערענץ שיקט איבער דאַנקטעלעגראַמעס צום גענעראַליסימוס סטאַלין, צום פּרעזידענט ביערוט און צום צענטראַל-קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן, וועלכער ווייזט אַרויס גרויסע מיטהילף דעם נייעם ישוב.

זייער כאַראַקטעריסטיש זענען געווען די ווערטער פונם פאָרשטייער פון דער רויטער אַרמיי, העלד פון ראַטן-פאַרבאַנד קאַפּיטאַן באָראָזאָוו, וועלכער האָט אויף דער קאָנפערענץ געזאָגט: „אַ מאָדנע פאָלק זענט איר יידן. איך האָב דאָך אַ טייל פון אייך באַפרייט פון די לאַגערן, איר זענט דאַן געווען קראַנקע, צעבראָכענע, אָפּגעריסענע, הונגעריקע און דרייפערטל טויטע. און אָט זיצט איר היינט דאָ אויף אייער קאָנפערענץ מיט אָנגעצונדענע אויגן, לגמרי געענדערט און רעדט וועגן קולטור, טעאַטער, שולן און קינדער-דערציִונג. אַ מאָדנע פאָלק! אַזאַ פאָלק האָט געלעבט, לעבט און וועט קיינמאָל נישט אונטערגיין!"

נאָך דער אָפיציעלער טייל פון דער קאָנפערענץ פאַרמירט זיך אַ צוג פון אַלע דעלעגאַטן צום נאָענטסטן יידישן מאַסן קבר, ווו עס ווערן געלייגט אַ סך קרענץ.

די קאָנפערענץ האָט איינשטימיק אָנגענומען פאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

„די פאַרזאַמלטע אויפן צוזאַמענפאָר אין ריכבאַך דעם 17 יוני 1945 י., דעלעגאַטן פון די יידישע קאָמיטעטן אין דער נידערשלעזישער וואָיעוואָדשאַפט, וועלכע רעפּרעזענטירן די לעבנגעבליבענע יידן פון די קאָנצענטראַציע-לאַגערן אויף די היגע שטחים, גיבן אָפּ פייערלעך כבוד דעם אָנדענק פון זייערע העלדישע חברים,

װעלכע זענען געפֿאַלן פֿון די אַכזריותדיקע הענט פֿון די היטלע-ריסטישע מערדער. די ערד פֿון נידערשלעזיע איז דורכגעװייקט מיט בלוט און דורכגעזאַפּט מיט שװייס פֿון צענדליקער טױזנטער אומשולדיק-פֿאַרפּייניקטע ייִדן.

אַלס פֿרייע בירגער פֿון דער פּױלישער מלוכה, צו װעלכער די נידערשלעזישע ערד האָט געהערט נאָך מיט 700 יאָר צוריק, שטעלן מיר פֿעסט אונזער אומבאַרירלעכע רעכט אױפֿצו-שטעלן דאָ אינזערע היימען און צו פֿאַרפֿעסטיקן דאָ אונזער מאַ-טעריעלע עקזיסטענץ און גייסטיקע קולטור.

אינם טיפֿן גלױבן, אַז די גערעכטיקייט װעט זיגן און, אַז דאָס פֿאַרגאָסענע בלוט פֿון אונזער פֿאָלק װעט נישט זיין אומזיסט, רופֿט דער צוזאַמענפֿאָר אַלע אַנטיילנעמער און די רעפּרעזענטירטע דורך זיי געװוּזענע אַרעסטאַנטן פֿון די קאָנצענטראַציע-לאַגערן צו אַ פֿאַרשטאַרקטער אַרבעט פֿאַרן װויל פֿונם ייִדישן פֿאָלק און לטובת דער גאַנצער אױפֿלעבנדיקער מענטשהייט.

1) דער צוזאַמענפֿאָר רופֿט דעם װאָיעװאָדישן קאָמיטעט אָנצוּשטרענגען זיך, כדי ראַציאָנעלער איבערשיכטן און פּראָדוק-טיװיזירן די ייִדן. צו דעם צװעק דאַרף מען אױסאַרבעטן אױסשו-לונגס-פּלענער און אין די גרעסערע צענטרען גרינדן אַנטשפּרעכנ-דיקע פֿאַך-שולן.

2) דער צוזאַמענפֿאָר פֿאָדערט אױך דעם װאָיעװאָדישן קאָמי-טעט באַדייטנדיק אונטערשטיצן אָרגאַניזאַציאָנעל און פֿינאַנסיעל די פֿרוּװוּן צו שאַפֿן שפּייז-קאָאָפּעראַטיװן, פּראָדוציר-אינדוסטריעלע אין האַנטװערקער קאָאָפּעראַטיװן, װי אױך לאַנדװירטשאַפֿטלעכע קאָאָפּעראַטיװן.

3) דער צוזאַמענפֿאָר האַלט, אַז די הילף, װאָס װעט געגעבן װערן ייִדן מצד דעם קאָמיטעט דאַרף נישט טראָגן קיין פֿילאַנטראָ-פּישן כאַראַקטער, נאָר דאַרף באַצװעקן אױסשליסלעך צו אונטער-שטיצן קאָנסטרוקטיװע אַרבעט און די אָנשטרענגונגען לשם פּראָ-דוקטיװיזאַציע.

4) זאָרגנדיק פֿאַר דער לעבנגעבליבענער ייִדישער יוגנט און פֿאַר די קינדער, רופֿט דער צוזאַמענפֿאָר דעם װאָיעװאָדישן קאָמי-טעט צום אָרגאַניזירן שולן און אַלגעמיינע בילדונגס- און פֿאַך-קורסן. עס דאַרפֿן געגרינדעט װערן: אַ פֿאָלקס-אוניװערסיטעט, אַ װאַנדערנדיקער ייִדישער טעאַטער, װי אױך אַ ביבליאָטעק, קלובן, עס דאַרפֿן אַרױסגעגעבן װערן ייִדישע צייטונגען.

5) דאָס יידישע קינד מוז געניסן פון אַ ספּעציעלער שוץ מצד די קאָמיטעטן. דער צוזאַמענפאָר נעמט אויף מיט פרייד דעם פּראָיעקט איבערצופירן אויף אונזערע שטחים אַ געוויסע צאָל לעבנגעבליבענע יידישע קינדער און זאָגט צו אַרומצורינגלען זיי מיט השגחה און ליבע.

6) דער צוזאַמענפאָר רופט אַלע יידישע קאָמיטעטן ווי אויך אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אין מלוכה־פאַקטאָרן אין לאַנד ספּעציעל באַשיצן די קברים פון די פאַרפייניקטע אין די לאַגערן און אין די פאַרניכטונגס־פּלעצער.

7) אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאָרשטייענדיקער דערעפענונג פון דער סאַנאַטאָריע ווענדעט זיך דער צוזאַמענפאָר צום צ. ק. פון די יידן אין פוילן וועגן אַ געהעריקער מאַטעריעלער אונטערשטיצונג, כדי צו פאַרבעסערן דעם געזונט צושטאַנד פון די געוועזענע „העפטלינגען".

איינשטימיק איז אויסגעוויילט געוואָרן דער ערשטער יידישער וואָיעוואָדישער קאָמיטעט אין נידערשלעזיע. אין זיין באַשטאַנד זענען אַריין: אַלס פאָרזיצער — יעקב עגיט, סעקרעטאַר — משה לינקאָווסקי, מיטגלידער: — ד"ר יעקב ראָזענבערג, שמעון באַליצקי, האַנקע לעווין, אייזנבערג און שאַניע שיינבערג.

נאָך פיל יאָרן פון קנעכטשאַפט און פּיין איז צום ערשטן מאָל אויף אַן איינגעאָרדנטער פאַרוויילונג פאַר די קאָנפערענץ־דעלעגאַטן און געסט דערהערט געוואָרן פון אַ געמישטער קאַפּעליע פון פויליש, פראַנצויזישע, און האָלענדישע יידישע מוזיקער, געוועזענע „העפטלינגען", דער אַלטער יידישער נגון און דאָס אַלטע יידישע ליד. די געוועזענע יידישע „העפטלינגען" האָבן מיט טרערן אין די אויגן זיך צוגעהערט צו די האַרציקע קלאַנגען פון דער יידישער מוזיק. אַ גאַנצע נאַכט האָט געדויערט די דאָזיקע פאַרוויילונג, וועלכע האָט געקרעפטיקט דעם מוט און געגעבן גלויבן און כוחות זיך צו נעמען צו דער גרויסער אויפבוי־אַרבעט פונם נייעם יידישן ישוב אין נידערשלעזיע.

---

גלייך נאָך דער קאָנפערענץ איז אָפּגעפאָרן אַ דעלעגאַציע צו דער צייטווייליקער פוילישער רעגירונג קיין וואַרשע, ווו זי האָט פאָרגעלייגט פאָלגנדיקן מעמאָריאַל:

## מעמאָריאַל

### וועגן באַזעצן יידן אויפן שטח פון נידערשלעזיע

אויפן שטח פון נידערשלעזיע געפינען זיך אינם איצטיקן מאָמענט ביי 7000 יידן, געוועזענע „ה ע פ ט ל י נ ג ע ן" פון

דייטשע קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין נידערשלעזיע און אין שכנות־דיקן סודעטן־לאַנד.

אין מאָמענט פון פאַרענדיקן דעם קריג האָבן זיך געפונען אויף דעם היגן געביט אַן ערך 15 טויזנט יידן. אַ סך פון זיי זענען געווען בירגער פון אַנדערע מלוכות (אונגאַרן, טשע־כאָסלאָוואַקיע, פראַנקרייך, בעלגיען און האָלאַנד), וועלכע האָבן שוין כמעט אינגאַנצן פאַרלאָזט פוילן. אַ געוויסע טייל יידן, פוילישע בירגער, איז אַוועק אויף מזרח צו די פריערדיקע וווין־ערטער, זוכנדיק די רעשטן פון די אויסגעשחטענע משפחות און טראַכטנ־דיק, אַז זיי וועלן דאָרט געפינען אַ שטיצע פאַר דער בויונג פון זייער לעבן. זיי האָבן אָבער נישט געפונען קיין רו אין זייערע געבוירן־ערטער און האָבן זיך אומגעקערט אָדער קערן זיך צוריק אום אַהער, ווו ס'איז געבליבן די מערהייט פון זייערע חברים, אויפן שטח, וווּ זיי האָבן געאַרבעט און איבערגעלאָזן קברים פון די דערמאָרדעטע ברידער און שוועסטער.

מיטן מאָמענט פון דייטשלאַנדס מפּלה האָבן די געוועזענע אַרעסטאַנטן פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, די יידן, איבערגענומען די וואַך איבער די פאַבריקן און אַרבעטס־אונטערנעמונגען, הויך און שטאָלץ האָבן זיי דעמאָנסטרירט זייער פוילישע מלוכה־אָנגעהעריקייט. די בירגער־רעכט אין נידערשלעזיע האָבן זיי דער־וואָרבן מיט זייער בלוט און פראַצע.

דער ווירטשאַפטלעכער כאַראַקטער פון נידערשלעזיע איז אַ צווייאַרטיקער: אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער מיט אַ הויכער קולטור און אַן אינדוסטריעלער. פאַבריקן פון טעקסטיל, פון ראַדיאָ־מאַטער־יאַלן, פון טראַקטאָרן, מילן, פאַבריקן פון אויבסט־קאָנסערוון, ברויערייען, צוקער־פאַבריקן. די אַלע פאַבריקן זענען נאָך ביז איצט אין רשות פון דייטשן. פאַכלייט פון די דערמאָנטע אינדוס־טריע צווייגן און אין דער לאַנדווירטשאַפט וואָלטן געקענט פאַר־נעמען די שוין פרייע ערטער, וועלכע וועלן פאַרלאָזן דורך די דייטשן. מיר גלויבן, אַז אין אַ קורצער צייט וואָלט מען געקאָנט באַזעצן — ביי אַ געהעריקער פּאָזיטיווער באַציונג פון דער מלו־כה און אַדמיניסטראַציע־מאַכט, — אַן ערך 20 טויזנט יידן פון די ערטער, ווו יידן געפינען זיך, אייך אין דער רעשט פּאָוויאַטן פון דער וואָיעוואָדשאַפט.

כדי צו דערמעגלעכן און אינטערשטיצן דאָס באַזעצן יידן

אין נידערשלעזיע און פּערספּעקטיקן זייער באַזיץ, וואָלט מען גע־דאַרפט:

1) איינגלידערן די שטאָטישע און דאָרפישע איינוואַנדער־רונג פון יידן אין נידערשלעזיע אין אַלגעמיינעם רעפּאַטריאַציע־פּלאַן און אַנערקענען זיי פּריווילעגיעס, וואָס קומט זיי אַלס רע־פּאַטריאַנטן.

2) איבערלאָזן די יידישע קאָמיטעטן דאָס רעכט צו באַשטימען די ערטער, ווו ס'דאַרפן זיך באַזעצן די יידישע רעפּאַטריאַנטן לויט די באַדערפענישן פון שטח און דערמעגלעכן די קאָמוניקאַציע פון די טראַנספּאָרטן, ווי אויך באַזאָרגן די יידן מיט לעבנס־מיטלען, מלבושים, מכשירים און אינווענטאַר.

3) דערמעגלעכן די מיטגלידער פון יידישן וואָיעוואָדישן קאָמיטעט אַ לייכטע און גיכע קאָמוניקאַציע, כדי צוצוגרייטן דאָס אויפנעמען רעפּאַטריאַנטן.

4) אַרויסגעבן געהעריקע אינסטרוקציעס דער קאָמונאַלער מאַכט און דער אַדמיניסטראַציע פון ערשטער און צווייטער אינ־סטאַנץ, אַז זיי זאָלן נישט שטערן אין דער דורכפירונג פון דעם רעפּאַטריאַציע־פּלאַן, נאָר זאָלן פאַרלייכטערן די אַרבעט פון די קאָמיטעטן אין דער דאָזיקער ריכטונג.

5) פאַראָרדנען עס זאָל אַרויסגעגעבן ווערן עסנוואַרג פאַר די יידן־רעפּאַטריאַנטן אין אַזאַ מאָס, אַז ס'זאָל זיין גענוג פאַר זייער אויפהאַלטונג.

6) דערמעגלעכן די רעפּאַטריאַנטן־יידן דאָס איבערנעמען די דייטשע אַרבעטס־פּלעצער און פאַרלייכטערן זיי ביים פאַרלייגן פּראָדוציר־ און קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון.

7) פאַרנעמען זיך מיט דער פראַגע פון באַזאָרגן מיט רוי־שטאָפן די פאַבריקן, וועלכע אַרבעטן שוין און די וועלכע דאַרפן ערשט געלאָזט ווערן אין גאַנג, ווי אויך וועגן אָפּזאַץ־מעריק פאַר דער פאַרטיקער פּראָדוקציע.

8) דערמעגלעכן די יידן, וועלכע האָבן געהעריקע קוואַ־ליפיקאַציעס און קענען די אָרטיקע באַדינגונגען צו פאַרנעמען אַמטן אין דער קאָמונאַלער און אין דער מלוכה־אַדמיניסטראַציע.

9) פאַרלייכטערן יידן זיך איינצואָרדנען אין דער לאַנד־ווירט־שאַפט. אויסטיילן פאַר דעם צוועק קאָמפּאַקטע שטחים (גאַנצע דערפער־זידלונגען), ווי אויך דעם אַנטשפּרעכנדיקן לעבעדיקן און טויטן אינווענטאַר.

10) פאַרלייכטערן די איבערשיכטונג און פּראָדוקטיוויזאַציע פון יידן, וועלכע זיצן דאָ אויפן אָרט דורך שאַפן אַנטשפּרעכנדיקע קורסן און איבערשולונגס-צענטרען.

11) עס דאַרף דעלעגירט ווערן אַ פאָרשטייער פון מיניסטער פאַר עפנטלעכער אַדמיניסטראַציע אַהער אויפן אָרט, כדי צו באַקענען זיך מיט די דערמאָנטע פּראָבלעמען און געבן אַנטשפּרעכנדיקע אָנווייזונגען דער אָרטיקער מאַכט אין דעם ענין.

יידן, וועלכע האָבן אויף אַזאַ טראַגישן אופן פאַרלוירן זייערע נאָענטע, ווילן אָנהויבן אַ ניי שעפעריש לעבן אין דער געמיינשאַפט פון מענטשן, קעגנזייטיק פריינטלעכע, און וועלכע קענען זיך קעגנזייטיק פאַרשטיין.

דער באַגער נאָך פריינטשאַפט און קעגנזייטיקער פאַרשטענדעניש, וואָס הערשט געוויינטלעך אין משפּחות, קען איצט, בעת יידן זענען געבליבן אָן משפּחות, פאַרווירקלעכט ווערן אויסשליסלעך אין אַן איינהייטלעכן צענטער מיט די זעלבע גייסטיקע פאַראינטערעסירונגען.

דאָס אַריבערפירן די יידן, וועלכע פאַרמאָגן נישט אין אַנדערע געגנטן קיין פּראָדוקטיווע אַרבעטס מעגלעכקייטן אין אַ צענטער, וואָס גיט זיי די מעגלעכקייט זיך אויסצולעבן מאַטעריעל און קולטורעל, איז אַ געבאָט פון גוט פאַרשטאַנענע אינטערעסן פונם לאַנד.

וואַרשע, 23 יוני 1945 י.

פאַר דעם יידישן וואָיעוואָדישן קאָמיטעט אין נידערשלעזיע

(—) י. עגיט (—) י. אייזנבערג
(—) י. ראָזענבערג (—) ש. שיינבערג

דער צ.ק. פון די יידן אין פוילן האָט געגעבן זיין הסכמה צו דעם אויבנגעבראַכטן מעמאָריאַל אין דער פאָלגנדיקער צושריפט:

„דער צענטראַל קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן שטיצט אונטער אין דער גאַנצער ברייט דעם צווייזייטיקן מעמאָריאַל און בעט העפלעך דעם בירגער מיניסטער פאַר עפנטלעכער אַדמיניסטראַציע פּאָזיטיוו זיך באַציען צו דעם באַרירטן פּראָבלעם".

וואַרשע, 23 יוני 1945 י.

(—) ד"ר זאָמערשטיין, פּאָרזיצער
(—) פ. זעליצקי, גענ. סעקרעטאַר

די דעלעגאַציע איז אויפגענומען געוואָרן דורך דעם דעמאָקלאַטיקן מי־ניסטער פאַר אינערלעכע ענינים בירגער אָכאַב. נאָכן איבערלייענען דעם מעמאָריאַל און אויסהערנדיק די דעלעגאַציע, האָט דער מיניסטער אָכאַב פייער־לעך דערקלערט:

„צי עמעצן וועט עס יאָ געפעלן צי נישט — בויט אייער נייע לעבן אויף דער דאָזיקער נייער ערד. מיר וועלן אייך אין אַלע אייערע אָנשטרענגונגען העלפן מיט אַלע כוחות!"

און זאָל דאָ למען האמת געזאָגט ווערן: דער דעמאָקראַטיקער מיניסטער אָכאַב איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט אונז פראַקטיש צוגעהאָלפן אָנהויבן אונזער נייע לעבן אויף דער נידערשלעזישער ערד.

האַבנדיק די פולע אונטערשטיצונג פון דער פוילישער דעמאָקראַטישער רעגירונג האָט דער וואָיעוואָדישער יידישער קאָמיטעט אין נידערשלעזיע אָנגע־הויבן זיין סיסטעמאַטישע און פלאַנמעסיקע טעטיקייט. די עיקר אַרבעט פון די יידישע קאָמיטעטן אין יענער צייט איז געווען: מאַכן אַלע צוגרייטונגען אויפ־צונעמען די צוריקקומענדיקע יידן פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד, צוגרייטן פאַר זיי דירות, אַרבעט און געבן זיי די ערשטע מאַטעריעלע הילף.

דער וואָיעוואָדישער יידישער קאָמיטעט האָט זיך באַלד געשטעלט אין קאָנטאַקט מיטן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון די פוילישע יידן אין מאָסקווע, געגעבן צו וויסן וועגן ניי־אַנטשטאַנענעם ישוב און וועגן די גרויסע מעגלעכקייטן צו בויען אין נידערשלעזיע אַ נייע יידיש לעבן.

אונזער ווענדונג האָט אָפגעהילכט מיט אַ שטאַרקן עכאָ צווישן די פויליש־שע יידן אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד. דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון די פוילישע יידן אין פ.ס.ס.ר. האָט אַלס ענטפער צוגעשיקט פאָלגנדיקן בריוו, וועלכער איז פאַרשפרייט געוואָרן צווישן די יידן אין אונזער ישוב און האָט געשאַפן די געהעריקע שטימונג אויפצונעמען די צוריקגעקומענע פוילישע יידן פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד:

„צום וואָיעוואָדישן קאָמיטעט פון יידן אין נידערשלעזיע

מיט גרויס פרייד האָבן מיר געלייענט אייער בריוו און מיט דער זעלבי־קער פרייד לייענען אים אַלע פוילישע יידן, וועלכע געפינען זיך אין ראַטן־פאַרבאַנד. דער דאָזיקער בריוו וואַנדערט פון האַנט צו האַנט און מאַכט ציטערן אונזערע הערצער, נישט בלויז דערפאַר, וואָס דורך אים רעדן צו אונז 7 טויזנט אָפגעראַטעוועטע ברידער, נאָר צוליב דעם מענערישן, דרייסטן און שטאַרקן גייסט, מיט וועלכן עס איז דורכגעדרונגען אייער יעדעס וואָרט, דער גייסט פון גלויבן אין דער וויטאַליטעט פון אונזער פאַרפייניקט פאָלק, אין דעם פיבערנדיקן לעבנס־כוח פון דעם נייעם ישוב.

לייענענדיק אייער בריוו, האָבן מיר געזען פאַר די אויגן נישט בלויז דאָס אויפטרייסלענדיקע, טראַגישע בילד פון מאַרטירערטום און פיין פון אונזער פאָלק, נאָר אויך אייער פנים, אייערע טיפע אויגן, וואָס ברענען מיט שעפערישן פייער, מיט דער הייסער שטרעבונג צו בויען דאָס הרובע לעבן אויפסניי. צווישן די אַלערליי ידיעות, גוטע און שלעכטע, ליכטיקע און שאָטנדיקע, וועלכע דערגייען צו אונז פון אונזער תחית־המתימדיק אויפגעשטאַנען לעבן, איז אייער בשורה געוועזן די ליכטיקסטע, די אָפטימיסטישע און געזונטסטע.

פונם גאַנצן האַרצן באַגריסן מיר אייער באַזעצן זיך אין נידערשלעזיע. מיר זענען טיף איבערצייגט, אַז איר האָט געגעבן די איניציאַטיוו פאַר אַ גרויסן היסטאָרישן פראָצעס און אייער פאַרדינסט איז נישט נאָר לגבי דער טויזנטקעפיקער גרופע יידן, געראַטעוועטע פון די טויט־לאַגערן נאָר אויך לגבי דעם גאַנצן יידנטום. מיר זענען איבערצייגט, אַז די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט פון גאָר דער וועלט, אָן אונטערשיד פון פאַרטייישער אָנגעהעריקייט און פאָליטישער אָנשויונג, וועלן גלייך צוטרעטן צו אַ ברייטער הילפס־אַקציע, כדי צו פאַרלייכטערן אייך צו רעאַליזירן די דרייסטע און ביים היינטיקן טאָג אומבאַדינגטע פלענער.

אייערע ידיעות, פלענער און פאַרמעסטונגען זענען פאַר אונז, פוילישע יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד, זייער וויכטיק און ווערטפול. מיר זענען דאָ ביי אַן ערך 200 טויזנט יידן. די סאָוועטישע פעלקער האָבן אונז אָפגעראַטעוועט פון אונטערגאַנג. אין דער זעלבער צייט ווען איר זייט טאָג־טעגלעך געווען אויסגעשטעלט אויף כלערליי דערנידעריקונגען, טאָרטורן און גרויליקן טויט, האָבן מיר געהאַט די מעגלעכקייט אין איין ריי מיט אַלע סאָוועטישע פעלקער צו שמידן דעם נצחון איבער די דייטשן, צו שיקן אונזער מסירת נפשדיקע יוגנט אויפן שלאַכטפעלד, בכדי צו נעמען אַנטייל אין דעם דאָזיקן געראַנגל, וואָס האָט אַנטגילטיק דעצידירט אויך וועגן אייער פרייהייט.

אַצינד שטייען מיר ערב דעם צוריקקער פון אַלע פוילישע בירגער צום באַפרייטן היימלאַנד. אין משך פון די פינף יאָר פאַרברענגען אין ראַטן פאַרבאַנד, האָבן זיך די פוילישע יידן אויסגעלערנט אַסאַך גוטעס און ווערטפולעס. זיי האָבן באַהערשט אַ ריי קוואַליפיצירטע פאַכן, צו וועלכע די פאַרמלחמהדיקע יידישע געזעלשאַפט האָט נישט געהאַט קיין צוטריט. מיר האָבן היינט אין אונזערע רייען אויסגעצייכנטע מעטאַל־אַרבעטער, טאָקער, שמידן, עלעקטראָמאָנטערן, הוטע־אַרבעטער, קוילנגרעבער, מאַשינען־בוי־מעכאַניקער. טויזנטער יוגנטלעכע אונזערע נעמען אַנטייל אין ווידעראויפבוי פון סטאַלינגראַד, קאַנאַלן, הידראָסטאַנציעס, עלעקטראָסטאַנציעס, נייע קוילן־גרובן און נאַפט־קוואַלן. די דאָזיקע מענטשן וועלן גערן קומען קיין נידערשלעזיע, מיט ענטוזיאַזם פאַרבינדן זיך מיט אייך אין געמיינזאַמער באַגייסטערטער אָנשטרענגונג. צוזאַמען מיט

זיי זענען אויך גרייט צו קומען קיין נידערשלעזיע די משפחות, וועלכע האָבן אין די סאָוויעטישע דערפער באַוויזן פּוּלקאָם צו באַהערשן די לאַנדווירטשאַפט. צוזאַמען מיט זיי קומט אויך אונזער אַרבעטנדיקע אינטעליגענץ.

אינם לאַנד פון דער ראַטן-מאַכט האָט זיך אָפּגעראַטעוועט אַ טייל פון אונזערע קולטור-טוער, ליטעראַטן, וויסנשאַפטלער און קינסטלער. אין אייער בריוו האָבן מיר מיט טיפער געריירטקייט געלייענט ווערטער, וואָס זאָגן עדות וועגן אייער ערנסטער זאָרג פאַר אָפּהיטן אונזער פאָלקס-קולטור. מיר האַלטן, אַז אַ טייל פון אונזערע קולטור-בויער דאַרפן זיך באַזעצן צווישן אייך, צווישן דער געדיכטער קאָנצענטרירטער יידישער מאַסע און דאָ אַנטוויקלען זייער שעפערישע טעטיקייט.

אייער לאָזונג צו שאַפן אַ קאָנצענטרירטן דרייסיקטויזנטקעפּיקן יידישן ישוב, דאַרף מען ווי צום האַרציקסטן באַגריסן און אונטערשטיצן. מיר וועלן מאַכן אַלע באַמיונגען, אַז דער לאָזונג זאָל ווערן פאַרווירקלעכט. מיר גלויבן, אַז אויך דער צענטראַל-קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן און די פּוילישע רעגי־רונג פון פאָלקס-אייגהייט, ווי אויך די איינפלוסרייכע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין אויסלאַנד וועלן מיט אַלע כוחות אונטערשטיצן אייער באמת גרויסע פאָלקס־איניציאַטיוו.

מיר וואַרטן אויף אייערע ווייטערדיקע בריוו. מיר געזעגענען אייך מיט די ווערטער פון דער יידישער ברכה:

תחזקנה ידיכם".

אָרגאַניזיר-קאָמיטעט פון פּוילישע יידן
אין ראַטן-פאַרבאַנד:

ב. מאַרק
לעאָ פינקלשטיין
ד"ר ד. ספאַרד
שמעון זאַכאַריאַש
אידאַ קאַמינסקאַ
הרב אלחנן סאַראָטשקין
אברהם קאַגאַן
משה בראָדערזאָן
אפרים קאַגאַנאָוווסקי
משה בורקא
בינם העלער
יוסף רובינשטיין
ל. אָליצקי
י. יאַנאָסאָוויטש
ש. ל. גאָלדשטיין
א. ברום.

# עס וואַקסט דער יידישער ישוב אין נידערשלעזיע.

אין חודש יוני 1945 זענען געווען אין נידערשלעזיע 6 יידישע קאָמיטעטן מיט אַ באַפעלקערונג פון 6 טויזנט נפשות. אין חודש סעפטעמבער זענען שוין געווען 9 יידישע קאָמיטעטן מיט אַ באַפעלקערונג פון 10 טויזנט יידן. אין די ערשטע חדשים פון דער באַפרייאונג איז דער צופלוס פון יידן אין נידערשלעזיע געווען אויסשליסלעך פון אַזעלכע, וואָס זענען אַהערגעקומען פון צענטראַל-פוילן און אַ געוויסע צאָל פון די לאַגערן פון מערב.

אין דער זעלבער צייט הייבט זיך אָן די ערשטע פאַזע פון דער רעפּאַטריאַציע פון סאָוויעטן-פאַרבאַנד. יעדן טאָג זענען אָנגעקומען טראַנספּאָרטן מיט יידן, אַלטע און יונגע, קינדער און פרויען. דאָס רוב יידן זענען געווען אין די מיטעלע יאָרן — אַרבעט-מענטשן. כמעט אַלע האָבן געוואָלט בלייבן אין ריכבאַך. 6 וואָכן — האָבן זיי געטענהט — פאָרן מיר שוין פונם ווייטן מיטל-אַזיע מיטן געדאַנק אָנצוקומען אין דער יידישער שטאָט ריכבאַך, איצט ווילט איר אונז שיקן ווייטער?

ריכבאַך האָט אָבער נישט געקאָנט אויפנעמען אַלע רעפּאַטריאַנטן. בכלל זענען געווען שוועריקייטן ביים אויפנעמען די יידן פון סאָוויעטן-פאַרבאַנד, ווייל דאָס אַרויספירן די דייטשן איז נישט געגאַנגען מיט אַזאַ שנעלקייט ווי דער צופלוס פון די ניי אָנקומענדיקע רעפּאַטריאַנטן. ווען מיר האָבן אויסגעדריקט אונזער זאָרג פאַרן וואָיעוואָדע פון נידערשלעזיע דעם בירגער פּיאַסקאָווסקי, אַז עס פעלן אונז ווינונגען פאַר די אָנקומענדיקע יידן, האָט דער וואָיעוואָדע דאַן דערקלערט:

„זאָרגט אייך נישט, מיר וועלן די יידן אַריינפירן אין די דייטשע ווינונגען, נישט געקוקט דערויף, וואָס די דייטשן וווינען נאָך דאָרטן".

און אַזוי איז עס טאַקע געשען. די דייטשן האָט מען צוזאַמענגעקוועטשט אין איינציקע שטיבלעך (געוווינט האָבן זיי אין 5-6 צימערדיקע ווינונגען) און טויזנטער יידן האָבן איבערגענומען דייטשע דירות, אין וועלכע זיי זענען געוואָרן די בעלי-בתים. די אָנוועזנהייט פון יידישן מיטוווינער האָט אויך געווירקט אין דער ריכטונג, אַז די דייטשן האָבן נישט געקאָנט פאַרקויפן אָדער פאַרניכטן זייער בעלי-בתישקייט.

אין איינציקע שטעט איז גראָד אויסגעפאַלן, אַז ווען אַ טראַנספּאָרט מיט יידן איז אָנגעקומען האָט זיך גראָד געגרייט אַ טראַנספּאָרט מיט דייטשן אָפּצופאָרן. די יידן האָבן תיכף פאַרנומען זייערע ווינונגען. אויף אַזאַ אופן זענען אַנטשטאַנען יידישע ישובים אין שטעט, ווו יאָרן לאַנג האָבן קיין יידן נישט געוווינט.

ווי נאָר די ערשטע גרופּע יידן-האָט זיך באַזעצט אין אַ שטאָט איז דאָרט




ר י כ ב אַ ך. מאַסן־אנטייל אין די פייערונגען לכּבוד דעם צוויי־
יאָריקן יובל פונם יידישן ישוב אין נידערשלעזיע.



וו ר אָ צ ל אַ ו. גרויסער פּראָטעסט־מיטינג אונטערן פרייען הימל
קעגן ענגלישן טעראָר אין פּאַלעסטינע.

גלייך אַנטשטאַנען אַ קאָמיטעט, וועלכער האָט זיך תּיכּף פאַרנומען מיט איינ־אָרדנען די אָנגעקומענע יידן און זיי באַזעצט. אָפטמאָל זענען אָנגעקומען טראַנספּאָרטן מיט יידן פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד מיט גרייטע, שוין אונטערוועגס אויסגעוויילטע קאָמיטעטן, און באַלד נאָך זייער אָנקומען האָט זיי די אָרטיקע מאַכט געגעבן געהעריקע בנינים אויף אָנצוהויבן אַ נאָרמאַלע אַרבעט.

נאָך זייענדיק אין די וואַגאָנען האָבן יידן געשטעלט פראַגן: וועלן זיין פאַר אונז דאָרט וווינונגען? טייל האָבן אויך געפרעגט: צי זענען פאַראַן בתּי־מדרשים? דער גרעסטער טייל אָבער האָט געפרעגט: — צי וועט קלעקן אַר־בעט פאַר אַלעמען?

נידערשלעזיע האָט אַלעמען באַפרידיקט. אַלע יידן געגעבן גוטע דירות, די פרומע יידן — בתּי־מדרשים, און דער עיקר: אַלע יידן האָבן באַקומען די מעגלעכקייט צו אַרבעטן און פאַרדינען.

דער צופלוס פון יידן־רעפּאַטריאַנטן פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד האָט געענ־דערט די סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג אין נידערשלעזיע. צום 1־טן דעצעמבער 1945 געפינען זיך אין נידערשלעזיע 16 טויזנט יידן. אין חודש יאַנואַר זענען געקומען קיין נידערשלעזיע 5244 יידן־רעפּאַטריאַנטן, אין מאַי — 9458, אין יוני — 24013 אין יולי — 7860, אין אויגוסט — 2444. בסך־הכּל איז מיט דער רעפּאַטריאַציע אָנגעקומען קיין נידערשלעזיע 85.212 יידן. צוזאַמען מיט דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט דאָ געלעבט ביז דער רעפּאַטריאַציע האָט דער יידישער קיבוץ אין נידערשלעזיע געציילט אַן ערך 100 טויזנט נפשות.

פאַרשטענדלעך, אַז נישט אַלע רעפּאַטריאַנטן האָבן זיך באַזעצט אין ני־דערשלעזיע. פיל פון זיי זענען אַוועק אין די שטעט, פון וואַנען זיי האָבן גע־שטאַמט, אַ געוויסער טייל איז אָפּגעפאָרן קיין אויסלאַנד, דער גרעסטער טייל אָבער האָט זיך באַזעצט אין נידערשלעזיע, ווו זיי האָבן געפונען גרויסע מעג־לעכקייטן פאַר עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג.

באַלערנדיק איז דער באַשטאַנד און די סטרוקטור פון דעם נידערשלע־זישן יידישן ישוב. בעת דער צווייטער וועלט־שחיטה האָבן געליטן אַ סך פעל־קער. מיליאָנען מענטשן האָט פאַרלוירן דער סאָוויעטן־פאַרבאַנד, פוילן, יוגאָס־לאַוויען א. אַנד. ביי דעם גרעסטן טייל אָבער פון די דאָזיקע פעלקער איז די סטרוקטור געבליבן אַ נאָרמאַלע, נישט געקוקט דערויף, וואָס די פּראָצענט־פאַרהעלטעניש פון מענער און קינדער צו דער גאַנצער באַפעלקערונג איז צו־ליב די פאַרלוסטן אויף די פראָנטן און דער פאַרקלענערונג פון דער צאָל גע־בורטן — אין אַ געוויסער מאָס פאַרקלענערט געוואָרן. פון דער יידישער באַ־פעלקערונג אין פוילן האָבן זיך בלויז געראַטעוועט יחידים און דאָס קומט בולט צום אויסדרוק אין דעם באַשטאַנד פון די ערשטע ישובים.




נידער-שלעזיען
קארטע פון יידישע ישובים
יוני 1946

צווישן די 2500 יידן, וואָס זענען ניצול געוואָרן אין ביעלאַווער לאַגער, זענען געווען סך־הכל 19 קינדער — פון 10 ביז 14 יאָר און 288 יידן איבער 40 יאָר. ענלעך שטעלט זיך פאָר די לאַגע אין אַנדערע ישובים. עס איז געבליבן אַ יידישע באַפעלקערונג, וואָס האָט לחלוטין נישט געהאַט קיין נאָכוואוקס און קיין עלטערע פון 50 יאָר.

מיטן צופלוס פון יידן פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד הויבט זיך אָן אויסצוגלייכן די סטרוקטור פון נידערשלעזישן יידישן ישוב, אַזוי, אַז צווישן די 16 טויזנט יידן, וועלכע האָבן זיך געפונען דעם 1־טן דעצעמבער 1945 אין נידערשלעזיע זענען געווען קינדער ביז 14 יאָר — 730, יוגנט פון 15 ביז 20 יאָר — 3800, דערוואַקסענע אין עלטער פון 20 ביז 45 יאָר — 11.200, פון 45 ביז 55 — 300 און העכער פון 55—ביז 70 נפשות. צום 1־טן יאַנואַר 1946 זענען אויף 20 טויזנט יידן פאַראַן 980 קינדער, דאָס הייסט, 5,5 פּראָצענט. אויב מיר וועלן נעמען אין באַטראַכט, אַז ביי אַ נאָרמאַלע געזעלשאַפט באַטרעפט דער פּראָצ. קינדער ביז 14 יאָר אַריבער 30 און עלטערע פון 55 יאָר אַרום 10 פּראָצ. פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונגס־צאָל, דערזען מיר בולט דעם אומנאָרמאַלן באַשטאַנד פון דער יידישער באַפעלקערונג אין נידערשלעזיע גלייך נאָך דער מלחמה.

דער וויטערדיקער וווקס פון יידישן ישוב אין נידערשלעזיע איז ענג פאַרבונדן מיט דעם גרויסן שטראָם רעפּאַטריאַנטן פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד. אזוי האָבן מיר צום 1־טן אפּריל 1946 —22 ישובים מיט אריבער 30 טויזנט יידן, צום 1־טן יוני — 42 ישובים מיט 69 טויזנט יידן און צום 1־טן יולי 1946 — 43 ישובים מיט 80 טויזנט יידן.

דעם באַשטאַנד פון די רעפּאַטריאַנטן לויטן געשלעכט באַווייזן די פאָלגנדיקע ציפערן.

אויף 1000 רעפּאַטריאַנטן זענען דורכשניטלעך געווען: מענער — 540, פרויען — 450. אין נאָרמאַלע באַדינגונגען זענען די פאַרהעלטענישן גאַנץ פאַרקערטע: פרויען איז דאָ מער ווי מענער. די דאָזיקע נישט נאָרמאַלע דערשיינונג דערקלערט זיך ביי אונז דערמיט, ערשטנס, וואָס די היטלעריסטן האָבן די מענער אויסגענוצט אלס ארבעטס־קראַפט און צווייטנס, וואָס א סך מענער איז געלונגען זיך צו ראַטעווען אין יאָר 1939 פון פוילן און אין יאָר 1941—פון מערב־אוקראַינע און מערב־ווייסרוסלאַנד אויף דער טעריטאָריע פון סאָוויעט רוסלאַנד. א גרויסע צאָל מענער איז אויך מאָביליזירט געוואָרן דורך דער סאָוויעטן־מאַכט אין דער ארמיי און אין די ארבעטס־באַטאַליאָנען. אויף אזא אופן זענען זיי ניצול געוואָרן פון היטלעריסטישן אומקום.

אויף 1000 רעפּאַטריאַנטן זענען וויטער פאראן: קינדער ביז 5 יאָר—120, ד. ה. 12 פּראָצענט. פון 6 ביז 14 יאָר — 90. ד. ה. 9 פּראָצענט. צוזאַמען

# די יידישע באפעלקערונג אין נידערשלעזיע




לויט דער רעגיסטראציע

קינדער ביז 14 יאָר — 210, ד. ה. 21 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג וואָס איז שוין אַ באווייז פון א מער־וויניקער נאָרמאַלער סטרוקטור.

שוין דאָס אויבנדערמאָנטע באַווייזט פאָלגנדיקע גרונט־אונטערשיידן אין דעם צוזאמענשטעל פון דער איצטיקער יידישער באפעלקערונג פון נידערשלעזיע אין פארגלייך מיט דער ציילונג פון דער יידישער באַפעלקערונג פון יאָר 1939 אין פוילן, וואָס קאָן באַטראַכט ווערן ווי א נאָרמאַלע לויט איר באַשטאַנד.

אין יאָר 1939 האָט די צאָל מענער פון יידישן אָפּשטאַם אין פוילן באַטראָפן 48,3 פּראָצ., די צאָל פרויען — 51,7 פּראָצ., ד. ה. אויף 100 מענער זענען געווען: 107 פרויען. אין נידערשלעזיע באַטרעפט די צאָל יידישע מענער 53,3 פּראָצ. פון דער אַלגעמיינער יידישער באַפעלקערונג, די צאָל פרויען 46,7 פּראָצ. ד. ה. אויף 100 מענער איז דאָ בלויז 88 פרויען.

אין יאָר 1939 האָט די צאָל יידישע קינדער אין פוילן באַטראָפן ביז 14 יאָר — 34 פּראָצ. פון דער באַפעלקערונג, ביי אונז איצט בלויז 18 פּראָצ.

די צאָל עלטערע, העכער פון 50 יאָר, האָט אין יאָר 1939 באַטראָפן 14,5 פּראָצ. ד. ה. אויף יעדע 1000 מענטשן האָבן געלעבט מער ווי 50 יאָר — 145 מענטשן — ביי אונז אין דעם עלטער האָבן מיר 9,9 פּראָצ. ד. ה. אויף 1000 יידן — 99.

באַדייטנד גרעסער איז דער אונטערשייד ביי די ווייטערדיקע עלטער־גרופּן. אויב אין יאָר 1939 איז געווען אויף 1000 פוילישע איינוווינער אַריבער 80 מענטשן אין עלטער העכער פון 60 יאָר און איבער 70 יאָר — 29, זענען ביי אונז אַזעלכע יידן־זקנים אין דעם עלטער כמעט נישט בנמצא.

די סיבות פון די טיפע אונטערשיידן דאַרף מען נישט ווייט זוכן. אונזערע קינדער זענען אויסגעמאָרדעט געוואָרן. דאָס פאַמיליען־לעבן פון די אַנטלאָפענע איז צעשטערט געוואָרן. אַ סך קינדער פון די אַנטלאָפענע און אַ גרויסע צאָל עלטערע מענטשן האָבן נישט געקאָנט איבערלעבן די שווערע מלחמה־צייט.

# פראָדוקטיוויזאַציע

# צו פּראָדוקטיווער אַרבעט.

צווישן די וויכטיקסטע פּראָבלעמען, וועלכע עס האָבן פאַר זיך געשטעלט די יידישע קאָמיטעטן אין אָנהויב פון זייער אַנטשטיין, איז געווען איינאָרדנען אויף אַרבעט די געראַטעוועטע פון די לאַגערן אין פאַבריקן, וואַרשטאַטן און אין דער לאַנדווירטשאַפט. די דאָזיקע אויפגאַבע איז נישט געווען קיין לייכטע. עס איז נישט געווען גרינג, מענטשן, וועלכע האָבן לאַנגע יאָרן געאַרבעט אין די שרעקלעכסטע שקלאַפן־באַדינגונגען און אונטער דער פאַשיסטישער בייטש, אַז זיי זאָלן זיך צוריק שטעלן אַרבעטן, איבערהויפּט דעמאָלט, ווען מען האָט געקאָנט לעבן פון גרייטן, וואָס די דייטשן האָבן נאָך זיך איבערגעלאָזן.

און דאָך האָט די געזעלשאַפטלעכע באַווירקונג פון איין זייט און דער באַוווּסטזיין, אַז די יידן — געוועזענע „העפטלינגען" דאַרפן אָפּשפּילן אויף דער דאָזיקער ערד אַ פּיאָנערישע ראָל, געבראַכט דערצו, אַז געוויסע טיילן זאָלן זיך גלייך נעמען צו פּראָדוקטיווער אַרבעט. עס באַווייזן זיך די ערשטע יידישע בעלי־מלאכות, וואָס נעמען איבער דייטשע וואַרשטאַטן און די ערשטע יידישע פויערים, וואָס הייבן אָן אַרבעטן אין די געוועזענע דייטשע לאַנדווירטשאַפטן.

עס איז געווען דעמאָלט שניט־צייט פון יאָר 1945. ריזיקע שטחים פעלדער זענען געווען באַלאָדן מיט צייטיק געראָטן ברויט. די געוועזענע בעלי־בתים פון די דאָזיקע פעלדער, די דייטשן, זענען נישט געווען מער. עס האָט זיך ממש געבעטן אַראָפּצונעמען דאָס געצרעטעניש. עס איז געווען די סכנה, אַז דאָס ברויט זאָל פאַרפאַלן ווערן און נישט אַראָפּגענומען ווערן. דעמאָלט האָט דער וואָיעוואָדישער יידישער קאָמיטעט אָרגאַניזירט די ערשטע גרויסע קאַמפּאַניע צו שאַפן יידישע שניטער־בריגאַדעס, בכדי אַראָפּצונעמען די תבואה. דעם 17־טן יולי 1945 איז צונויפגערופן געוואָרן אַ ספּעציעלע קאָנפערענץ פון אַלע פאָרשטייער פון די יידישע קאָמיטעטן אין נידערשלעזיע קיין ריכבאַך. אויף אַ גרויסן מיטינג ווערט פייערלעך אָנגענומען פאָלגנדיקע רעזאָלוציע: „מיר די לעבנגעבליבענע יידן פון די דייטשע לאַגערן אין נידערשלעזיע, אָפּגעבנדיק זיך אַ חשבון פון אונזער פּיאָנערישער ראָל, וועלכע מיר דאַרפן שפּילן אויף דער

דעמאָקראַטי־ דאָזיקער ערד, און פון אונזער צוגעבונדנקייט צו דער פּוילישער שער רעגירונג, דערקלערן, אַז מיר ווילן אַלץ טאָן, כדי אָרגאַניזירן דאָס ברויט פון די פעלדער. מיר נעמען אויף זיך די פליכט שוין מאָרגן אָרגאַניזירן ספּעציעלע שניטער־בריגאַדעס, וואָס וועלן גיין אין פעלד צו דער אַרבעט. מיר פאָדערן אויף אַלע אַרבעטס־פּעריקע יידן צו דער דאָזיקער קאַמפּאַניע". אויף אַלע גאַסן זענען אויסגעקלעפּט געוואָרן אויפרופן: „יידן, צי האָט איר זיך שוין פאַרשריבן צו דער שניט־קאַמפּאַניע?".

און עס האָט געווירקט. הונדערטער יידישע בחורים און מיידלעך גייען דאַן אַרויס אין אָרגאַניזירטע בריגאַדעס אויף די פעלדער צום שניט און עס וואַקסן די שפּייכלערס מיט תבואה־אוצרות. אויף די פעלדער טרעפן זיך צוזאַ־מען רויט־אַרמייער, פּוילישע און יידישע פּויערים. עס מישן זיך צונויף יידישע פּוילישע און רוסישע לידער און עס טראָגט זיך אַ שטאַרק געזאַנג וועגן אַ נייַ לעבן, אַ לעבן פון פעלקער פריינטשאַפט, וואָס וואַקסט אויס אויף דער נישט לאַנג נאָך פאַרפּעסטעטער ערד.

עס באַווייזן זיך די ערשטע יידישע טראַנספּאָרט־אַרבעטער, יידישע קוילן־גרעבער אין וואַלבזשיך, יידן לאָזן אין גאַנג די ערשטע וועבשטולן אין ביעלאַווע. אָבער דאָס זענען בלויז קליינע עקספּעריִמענטן, וואָס הייבן אָן ערשט אויפ־גיין. דער פּראָבלעם פון פּראָדוקטיוויזירן די יידישע מאַסן שטעלט זיך אַוועק אין דער גאַנצער בּרייט ערשט דעמאָלט, ווען עס הויבט זיך אָן דער רעפּאַט־ריִאַציע שטראָם פון סאָוויעטן פאַרבאַנד. אַלע אָנשטרענגונגען ווערן געמאַכט, אַז די אָנקומענדיקע יידן זאָלן אַריינגעצויגן ווערן אין דעם אויפבוי פּראָצעס, וואָס קומט פאָר אויף די נייַ דעראָבערטע געביטן. עס האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין, אַז אויף דער נייער ערד זאָל צוריק זיך באַווייזן דער מנחם־מענדל, דער לופט־מענטש מיט זיינע לופט־פּרנסות.

כאַראַקטעריסטיש איז דער וווּקס פון דער צאָל פּראָדוקטיוויזירטע יידן אין נידערשלעזיע. צום 1־טן דעצעמבער 1945 האָבן מיר שוין געהאַט 3855 באַשעפטיקטע יידן אין פאָלגנדיקע אונטערנעמונגען:

| | |
|---|---|
| אין די קוילן־גרובנס, אין דער מעטאַל־ און דער טעקסטיל־אינדוסטריע . . | 630 יידן |
| אין אַנדערע אינדוסטריע־אונטערנעמונגען . . . | 909 יידן |
| אין אינדיווידועלע האַנטווערקער־ווערקשטאַטן . . | 690 יידן |
| אין די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון . . . . . . | 120 יידן |
| אין דער לאַנדווירטשאַפט . . . . . . . . | 200 יידן |
| אין פרייע באַרופן . . . . . . . . | 150 יידן |
| אין האַנדלס־אונטערנעמונגען . . . . . . . | 163 יידן |

צום 1־טן יאַנואַר 1946 זענען שוין פאַראַן פּראָדוקטיווע, אַרבעטנדיקע יידן — 5800.



ריכבאַך. יידישע יוגנטלעכע ביי דער אַרבעט אין דער טעקסטיל־פאַבריק.



ריכבאַך. יידישע אַרבעטער פון דער דריטער טעקסטיל־פאַבריק.





דער פּראָדוקטיוויזאַציע־פּראָבלעם קאָמפּליצירט זיך מיטן אָנקומען פון גרעסערע טראַנספּאָרטן יידן. פאַר זיי האָבן געמוזט שנעל געשאַפן ווערן עקזיסטענץ מעגלעכקייטן. דער מענטשן־עלעמענט איז אַ גוטער, אַן עלעמענט, וואָס איז איבערדערצויגן געוואָרן אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד אין די שווערסטע יאָרן פון מלחמה. יידן האָבן זיך אויסגעלערנט אַזעלכע מלאכות, וועגן וועלכע זיי האָבן אַמאָל אַפילו נישט געחלומט. דורכשניטלעך אויף 1000 רעפּאַטריאַנטן (צוזאַמען מיט די קינדער) פאַלן אויס 450 קוואַליפיצירטע אַרבעטער און 100 מיט פרייע באַרופן.

עס זענען דאַן פאָרגעקומען הייסע דיסקוסיעס אַרום די מעטאָדן, ווי אַזוי צו פּראָדוקטיוויזירן אַזאַ גרויסע צאָל יידן. אַ טייל האָט געהאַלטן, אַז בלויז דורך שאַפן גרויסע יידישע קאָאָפּעראַטיוון וועט מען קענען לייזן דעם דאָזיקן פּראָבלעם פון פּראָדוקטיוויזאַציע. דער וואָיעוואָדישער קאָמיטעט האָט אָפּגעוואָרפן די דאָזיקע איינשטעלונג און האָט געגעבן דעם לאָזונג: „יידן — אין די מלוכה פאַבריקן". די נויטיקייט אויסצובויען קאָאָפּעראַטיוון איז נישט אָפּגעוואָרפן געוואָרן, אָבער אפשטעלן זיך בלויז אויף זיי וואָלט נישט מעגלעך געמאַכט באַשעפטיקן אַזאַ גרויסע צאָל יידן. עס איז אויסגעקומען בעת דעם אריינפירן יידן אין די פאַבריקן אין פאַרלויף פון א קורצער צייט צו אַרבעטן צוזאמען מיט דייטשן ביי די זעלבע פאַבריקס־ווארשטאטן, ביז וואנען די יידן האָבן זיך אויסגעלערנט די אנטשפּרעכנדיקע פּראָפעסיעס און באַהערשט די נייע פאַכן. פאַרשטענדלעך אז דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט א גרויסער הילפס־אקציע מצד די קאָמיטעטן. אין רעזולטאט האָבן הונדערטער יידן איבערגענומען די ארבעטס־פּלעצער פון די דייטשן.

דער פּראָצעס פון פּראָדוקטיוויזירן די יידישע מאסן איז פאָרגעקומען אויף פאָלגנדיקע דריי אופנים:

1) דורך אריינדרינגען אין אלע צווייגן פון דער שווערער און לייכטער אינדוסטריע,

2) דורך אויסבויען ארבעטס־קאָאָפּעראַטיוון און

3) דורך אונטערשטיצן פּריוואַטע אונטערנעמונגען, האַנטווערקער־וואַרשטאטן א. ד. גל.

אין די אלע אויבן אויסגערעכנטע ריכטונגען זענען צו פאַרצייכענען באַדייטנדיקע דערגרייכונגען. בולט באווייזט דאָס די טאַבעלע.

ווי מיר זעען פון דער טאַבעלע באַטרעפט די צאָל ארבעטנדיקע יידן איבערן 1־טן אויגוסט 1946 אן ערך 15000; מיט אנדערע ווערטער הייסט עס, אז אריינרעכענענדיק אין דער דאָזיקער ציפער די פאַמיליעס, האָבן נישט ווייניקער פון 45 טויזנט יידן אָנגעהויבן לעבן פון פּראָדוקטיווער ארבעט. למען־האמת מוז דאָ באַטאָנט ווערן, אז די דאזיקע ציפער איז נישט קיין פולע, ווייל


וואקס פון פראדוקטיוויזאציע ביי ייִדן אין נידערשלעזיע פ. י. 1946
12411
12367
12357
11572
11913
14338
11837
9118
3735
740 שווערע אינדוסטריע
822 אין קוילן שאכטן
1788 טעקסטיל
348 לאנדווירטשאפט
1884 אנדערע מלוכהשע אונטערנעמ.
1673 קאאפעראטיוון
2728 געזעלשאפט. אינסטיטוציעס
2428 האנדווערק. אין פרייע פראפעס.
דעצעמבער
נאוועמבער
אקטאבער
סעפטעמבער
אויגוסט
יולי
יוני
מאי
אפריל

זי נעמט ארום בלויז די יידן, וועלכע זענען איינגעאָרדנט געוואָרן מיט דער הילף פון די יידישע קאָמיטעטן, דאקעגן רעדט זיך דאָ נישט וועגן די, וועלכע האָבן אליין געפונען דעם וועג צו פראָדוקטיווער ארבעט. און אזעלכע זענען פאראן נישט ווייניק.

כאראקטעריסטיש איז דער וווקס פון דער צאָל באַשעפטיקטע אין דער שווערער אינדוסטריע: פון 258 באַשעפטיקטע יידן צום 1-טן יוני 1946 — ביז 516 — צום 1-טן אויגוסט 1946 און 740 — צום 1-טן דעצעמבער 1946 יאָר. דאָס איז די צאָל יידישע ארבעטער, וואָס ארבעטן אין דער וורצלאַווער וואגאָנען-פאַבריק, אין די מאַשינען-פאבריקן פון ווראָצלאַוו, ריכבאַך און לעגניץ אלס קוואליפיצירטע און אָפט אלס הויכקוואליפיצירטע ארבעטער.

אין חודש אפריל 1946 איז קיין ווראצלאוו אנגעקומען ביי אַ 100 יידן פון טאגיל (סאָוויעטן-פארבאנד). דאָרטן האָבן זיי אלע געארבעט אין א גרויסער וואגאָן-און טאנקן-פאבריק. זיך אויסגעלערנט גוט די מלאכה, זענען אַלע באלד נאָך זייער קומען, אַוועק אַרבעטן און אויסבויען די וואַגאָנען-פאַבריק אין ווראָצלאַוו. אין דער דאָזיקער פאַבריק צייכענען זיך די יידן באַזונדערס גוט אויס ביי דער אַרבעט. דער אַרבעטער שמואל ציטראָן האָט זיך שוין געשאַפן גרויס אָנזען אין דער פאַבריק. ער איז אַ הויך-קוואַליפיצירטער שלאָסער און אַרבעט אויס דעטאַלן צו געצייג. שמואל ציטראָן האָט באַוויזן צו מאַכן אַ ריי אויסבעסערונגען אין די קאָנסטרוקציעס, וועלכע זענען אָנגענומען געוואָרן דורך דער דירעקציע פון דער פאַבריק. טעגלעך אַרבעט ער אויס 200 פראָצ. פון דער איינגעשטעלטער נאָרמע. שמואל ציטראָן ווערט פאַררעכנט אַלס איינער פון די בעסטע אַרבעטער פון דער פאַבריק. אין פאַרמלחמהדיקן פוילן איז ער אָפגעזעסן אַלס פאָליטישער אַרעסטירטער אַסך יאָרן אין תפיסה און אַ יאָר אין קאָנצענטראַציע-לאַגער פון קאַרטוז-בערעזע.

אויך די יידישע אַרבעטער ליטאַשעווסקי און טאַבאַטשניק געהערן צו די, וואָס מאַכן טעגלעך 200 פראָצ. פון זייער אַרבעטס-נאָרמע און ווייזן אַ מוסטער פון אינטענסיווקייט און איבערגעגעבנקייט.

פאַר דער מלחמה האָבן יידן אין קיין קוילן-גרובנס איבערהויפט נישט געאַרבעט. היינט וואַקסט די צאָל יידישע קוילן-גרעבער אין נידערשלעזיע. דעם 1-טן יאַנואַר 1946 זענען געווען 55 יידישע קוילן-גרעבער. צום חודש יולי איז די צאָל געשטיגן ביז 477 און צום 1-טן סעפטעמבער 1946 זענען שוין פאַראַן 822 יידישע קוילן-גרעבער. אַסך פון זיי האָבן זיך פריער פאַרנומען מיט שניידעריי, שוסטעריי אָדער בכלל נישט געהאַט קיין פאַך אין האַנט. היינט זענען אַ סך פון זיי הויך-קוואַליפיצירטע אַרבעטער. אויף איינער פון די פאַרזאַמלונגען פון די קוילן-גרעבער אין וואַלבזשיך, דערציילט דער יידישער אַרבעטער-שוואַרצבאַרד פון דעם קוילן-גרוב „וויקטאָריאַ": פון אָנהויב האָט מען אויף אונז, יידישע אַרבעטער, געקוקט מיט חוזק: וואָס? אַ ייד — אַ קוילן-גרעבער?".

מיר האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן און מיט אונזער שווערער מי און פראַצע האָבן מיר געשאַפן די אַטמאָספער פון אַנערקענונג פאַרן יידישן קוילן־גרעבער. אין איצטיקן מאָמענט אַרבעטן אויס די יידן 2–3 נאָרמעס טעגלעך. צווישן די קוילן־גרעבער, וועלכע האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט געפינען זיך די יידן פיגלאַזש, וויינטרויב, שווייצער, ניעדזוויעצקי און פיל אַנדערע.

חיים לאַנג איז שוין היינט באַקאַנט נישט נאָר צווישן די יידן אין נידערשלעזיע, נאָר אויך צווישן דער פוילישער באַפעלקערונג. ער איז דער בעסטער בריגאַדיר אין די וואַלבזשיכער קוילן־גרובן. פריער איז די בעסטע דייטשישע בריגאַדע אַדורכגעגאַנגען אונטער דער ערד ביז 22 מעטער אַ חודש. איצט, אַ דאַנק דער אינטענסיווער און ראַציאָנעלער אַרבעט פון חיים לאַנגן גייט זיין בריגאַדע אַדורך אַ חודש ביז 32 מעטער אונטער דער ערד און גיט אַזוי אַרויס אַרויס אַ סך מער קוילן. די דירעקציע פון די קוילן־גרובן האַלט זייער שטאַרק פון חיים לאַנגן און וועגן אַלע פראַגן, באַראַט זי זיך מיט אים. די בריגאַדע, וואָס אַרבעט מיט חיים לאַנגן שעצט אים זייער שטאַרק פאַר זיינע פאַך־קענטעניש, אַ דאַנק וועלכע זיי אַרבעטן אויס 3 נאָרמעס טעגלעך און פאַרדינען 3 מאָל אַזוי פיל ווי אַנדערע קוילן־גרעבער. די יידישע קוילן־גרעבער האָבן אין פראָצעס פון זייער פלייסיקער אַרבעט געשטאַרקט די פריינטשאַפט צווישן דעם יידישן און פוילישן אַרבעטער.

עס וואַקסט אויך די צאָל יידישע טעקסטיל־אַרבעטער. דעם 1־טן יאַנואַר 1946 זענען געווען 300 יידישע וועבער, דעם 1־טן יוני — 1400, און שוין צום 1־טן דעצעמבער 1946 — 1800 יידישע טעקסטיל־אַרבעטער. בלויז אין חודש אויגוסט 1946 זענען פרעמירט געוואָרן 150 יידישע וועבער־אַרבעטער פאַר איבערשטייגן די אַרבעטס־נאָרמעס פון 150 פראָצענט ביז 200.

די מלוכהשע וועבער־פאַבריק „עמקאַ" אין ביעלאַווע האָט פאָרגעלייגט צו פרעמירן איציק לעפלערן און מרדכי קוגעל, וועלכע האָבן באַוויזן אַ מוסטער פון רעקאָרד־אַרבעט: אין 11 טעג האָבן זיי פאַרמאָנטירט אַ מאַשין, וואָס ביי אַנדערע בריגאַדעס האָט דאָס געדויערט 42 טעג. דער דאָזיקער פאַקט האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם צווישן דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט אין ביעלאַווע.

דער ערשטער חודש פון יאָר 1947 האָט געבראַנגט פרישע דערפרייענדיקע ידיעות פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע. אין דעם גרעסטן טעקסטיל־קאָמבינאַט פון נידערשלעזיע „דיריג" אין ביעלאַווע אַרבעטן אויף 4000 אַרבעטער אַן ערך 500 יידן. 90 פראָצ. פון די יידישע אַרבעטער פון קאָמבינאַט שטייגן איבער די אַרבעטס נאָרמען. לעצטנס האָט דער קאָמבינאַט אויסגעצייכנט 2 אַרבעטער פון דעם גאַנצן אַרבעטער־קאָלעקטיוו, וואָס אַרבעטנדיק אויף 4 שטולן האָבן זיי באַוויזן אויסצואַרבעטן 180 פראָצ. פון דער נאָרמע איינער פון די צוויי איז דער יידישער וועבער — בנימין ראַדאָמסקי.



וואַלבזשיך. מאָזעס א. ליוויט, עקזעקוטיוו־וויצע־פּאָרזיצער פון „דזשאָינט" אין אַמעריקע, ד"ר יוסף שוואַרץ, פּרעזידענט פון „דזשאָינט" פאַר אייראָפּע, וויליאַם ביין, דירעקטאָר פון „דזשאָינט" פאַר פוילן, גיטלער־באַרסקי, גענעראַל־סעקרעטאַר פון „דזשאָינט" אין פוילן צוגאַסט ביי די יידישע קוילן־גרעבער אין די שאַכטן.

שמריה שטאַרקער, וועלכער אַרבעט אין דער צווייטער אָפּטיילונג פון דעם אויבנדערמאָנטן קאָמבינאַט האָט איינער צווישן 520 וועב-שטולן דערגרייכט די העכסטע נאָרמע. עקיבא גלאַט, אַברהם דאָבזשאַנסקי, שאפּטשע, מאָרדקע און וואָרצעל אַרבעטן אויס רעגולער הויכע נאָרמעס און צייכענען זיך אויס צווישן אַלע אַרבעטער. די 18-יעריקע בעלאַ גלאַסמאַן אַרבעט אויף 4 שטולן און פּראָדוצירט 140 פּראָצענט פון דער נאָרמע.

אַ גרויסן רושם צווישן די אַרבעטער אין קאָמבינאַט האָט געמאַכט דער פאַקט, וואָס דער יידישער אַרבעטער זכריה ראָזענבערג האָט זיך גענומען אַרבעטן אויף 4 ברייטע וועב-שטולן (זייער אַ פאַראַנטוואָרטלעכע און פּרעציזע אַרבעט) און גיט אַ פּראָדוקציע פון 125 פּראָצענט פון דער נאָרמע.

יהושע ליכט, אַן אינוואַליד, וואָס האָט פאַרלוירן 40 פּראָצענט פון זיין אַרבעטס-פעיקייט אויפן פראָנט, פאַרנעמט ביים היינטיקן טאָג אין קאָמבינאַט דעם פּאָסטן פון פאַרטרעטער פון מייסטער אין דער אויספּאַרטיקונגס-אָפּטיילונג און פירט אויס די נאָרמע אויף 120 פּראָצענט.

די יידן, וואָס אַרבעטן אין די קוילן-גרובן און אין די טעקסטיל-פאַבריקן, אין דער וורָאָצלאַווער וואַגאָנען-פאַבריק, אין די גלאָז-פאַבריקן און אין דער לאַנדווירטשאַפט האָבן אַריינגעטראָגן אַ נייעם סאָציאַלן אינהאַלט אין אונזער ישוב און האָבן וועזנטלעך געענדערט זיין אויסזען.

אַזוי ווי די וואַרשעווער און ביאַליסטאָקער געטאָ-קעמפער האָבן מיטן אויפשטאַנד געראַטעוועט דעם כבוד פון די מיליאָנען אומגעקומענע יידן — אַזוי היטן אָפּ די יידישע קוילן-גרעבער, טעקסטיל-אַרבעטער, קאָאָפּעראַטיוו-אַרבעטער א. א. דעם כבוד פון די לעבנגעבליבענע יידן. עס ווערט אַרויסגעשלאָגן ביי די פוילישע רעאַקציאָנערן און ביי די אַנטיסעמיטן פון גאָר דער וועלט דער אַרגומענט, אַז יידן קענען נישט און ווילן נישט פיזיש אַרבעטן.

האַנט ביי האַנט מיטן פוילישן אַרבעטער שטייט דער ייד אין דער פאַבריק און אין וואַרשטאַט און רעאַליזירט דעם אַלגעמיינעם פוילישן מלוכה-פּלאַן, ער העלפט אויפבויען דיווירטשאַפט פונעם דעמאָקראַטישן פאָלקס-פוילן.

## ס׳וואַקסט די צאָל יידישע קאָאָפּעראַטיוון.

אין דער צייט, ווען אַסך מענטשן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן קיין נידער-שלעזיע, כדי אייגננוציק ארויספירן פונדאַנען מכשירים און מאַשינען, געניסן פון דעם הפקרדיקן נאָכדייטשישן רכוש, כדי אָנצופילן זיך די קעשענעס, האָבן יידישע האַנטווערקער געזאַמלט דעטאַלן, אויפגעשטעלט מאַשינען, מאָנטירט פאַבריקן, פאַרנומען לאָקאַלן און אָרגאַניזירט קאָאָפּעראַטיוון.

די יידישע קאָאָפּעראַטיוון זענען בכלל געווען די ערשטע אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוון אין נידערשלעזיע. דאָ זענען יידן געווען פּיאָנערן און ביזן היינטיקן טאָג שטעלן מיט זיך פאָר די יידישע פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון 70 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל קאָאָפּעראַטיוון אין נידערשלעזיע. די יידישע קאָאָפּעראַטיוון באַדינען די גאַנצע באַפעלקערונג פון נידערשלעזיע און שפּילן אַ גרויסע ראָל ביים פּראָדוצירן אַרטיקלען פון ערשטן געברויך. דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון די יידישע קאָאָפּעראַטיוון אין נידערשלעזיע, וועלכער איז פאָרגעקומען אין נאָוועמבער 1946 אין ווראָצלאַוו, האָט אויף אַ בולטן אופן באַוויזן דעם וווקס און כוח פון אונזערע קאָאָפּעראַטיוון. די אויסשטעלונג פון די יידישע קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע איז פאָרגעקומען אין ווראָצלאַוו, האָט באַוויזן אַז די פּראָדוקציע איז פון אַ זייער הויכער קוואַליטעט. די טאַבעלע באַווייזט קלאָר דעם אַנטוויקלונגס וועג פון די יידישע קאָאָפּעראַטיוון פאַרן יאָר 1946 אין נידערשלעזיע.

עס איז פאַרשוווּנדן דער שוסטער און שניידער פון קעלער שטיבל, וועלכער האָט אין די שווערסטע באַדינגונגען געאַרבעט פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט און נישט געקענט פאַרדינען אויף אויסציהאַלטן און מפרנס זיין די משפחה. היינט אַרבעט דער יידישער בעל־מלאכה אין גאַנץ אַנדערע באַדינגונגען: אין גרויסע, ליכטיקע לאָקאַלן מיט מאָדערן־איינגעאָרדנטע מאַשינען אין גוט אָרגאַניזירטע קאָאָפּעראַטיוון, פאַרדינענדיק דערביי בכבודיק אויף חיונה.

מיר נעמען, למשל, דעם ווראָצלאַווער גרויסן שניידער־קאָאָפּעראַטיוו „זגאָדאַ", וועלכער טראָגט דעם נאָמען פון פאַרשטאָרבענעם יידישן אַרבעטער־טוער אין אַמעריקע ב. בעראָכאָוויטש. דער קאָאָפּעראַטיוו פאַרנעמט אַ גרויס הויז פון דריי שטאָק, ווו עס אַרבעטן היינט 150 מענטשן. עס ווערט דאָרט אויסגעאַרבעט מענער און דאַמען קאָנפעקציע ווי אויך וועש — אַלץ אויף אַ מעכאַניזירטן אופן. ווען מען קומט אַריין אין קאָאָפּעראַטיוו באַקומט מען דעם איינדרוק, אַז מען געפינט זיך אין אַ מאָדערנער פאַבריק. דער קאָאָפּעראַטיוו האָט אויך אייגענע פאַרקויפשטעלן. אין דער נאָענטסטער צייט וועלן באַשעפטיקט ווערן 300 יידישע שניידער. מיט דעם קאָאָפּעראַטיוו פירט אָן יודל פלאַץ אַן אַלטער אַרבעטער־טוער ביי די וואַרשעווער שניידער, אַ הויך קוואַליפיצירטער פאַכמאַן. אַן ענלעכער קאָאָפּעראַטיוו מיט 120 אַרבעטער איז פאַראַן אין ריכבאַך אונטערן נאָמען: „9־טער מאַי".

דער שוסטער־קאָאָפּעראַטיוו אין ריכבאַך פאַרנעמט אַ צווייטשטאָקיג הויז אין צענטער פון שטאָט. אויפן ערשטן שטאָק געפינט זיך אַ צושניידער־צעך, אין פאַרטער ווערט די פּראָדוקציע אויסגעפאַרטיקט. דער קאָאָפּעראַטיוו האָט אויך זיין אייגענע פאַרקויפשטעלע. די קוואַליטעט פון די אויסגעאַרבעטע שיך איז גאָר אַ הויכע. עס אַרבעטן דאָרטן 75 יידן־שוסטערס. אין דעם ריכבאַכער גרויסן בעקער־קאָאָפּעראַטיוו, וועלכע איז פאַרזען מיט די מאָדערנסטע מעכאַנישע אויוונס און מאַשינען אין גוט איינגעאָרדנטע לאָקאַלן, אַרבעטן 70



פּ. נאָוויק., רעדאַקטאָר פון „מאָרגן־פרייהייט” און ר. זאַלצמאַן,
גען. סעקרעטאַר פון „יידישן פראַטערנאַלן אָרדן”, ביי די קינדער
פון פיאָטראָלעשיער קינדער־היים.



ריכבאַך. דער 7־טער קלאַס פון דער יידישער שול בעת אַ לעקציע.

## אנטוויקלונג פון יידישע קאאפעראטיון אין נידערשלעזיע פ״ 1946



יידישע בעקער-אַרבעטער. זיי באַקן ברויט און אַלערליי געבעקס פאַר דער גאַנצער באַפעלקערונג פון ריכבאַכער קרייז, דער סטאָלער-קאָאָפּעראַטיוו אין שטשעגאָם פאַרמאָגט די מאָדערנסטע מעכאַנישע מאַשינען און אַרבעט אויס פאַרשיידענע מעבל. דאָרטן ווערן באַשעפטיקט 60 יידישע אַרבעטער.

עס ווערט אויך שטאַרק אונטערגעשטיצט די פּריוואַטע איניציאַטיוו. ס'ווערט געגעבן הילף יידישע בעלי-מלאכות און מענטשן פון פרייע באַרופן, זיי זאָלן שאַפן פאַר זיך אַן עקזיסטענץ. זיי ווערט געגעבן נישט נאָר געזעלשאַפטלעכע, יורידישע נאָר אויך מאַטעריעלע הילף, כדי זיי זאָלן קאָנען איבערנעמען געוועזענע דייטשישע אונטערנעמונגען. אַזוי אַרום זענען ביים היינטיקן טאָג פאַראַן אין נידערשלעזיע ביי 900 גוט איינגעאָרדנטע וואַרשטאַטן, וועלכע זענען איבערגענומען געוואָרן דורך יידן.

אַ וויכטיקע באַדייטונג פאַר די יידישע קאָאָפּעראַטיוון האָט די ווירטשאַפט-צענטראַלע. איר אָפּטיילונג אין וראָצלאַוו באַדינט די קאָאָפּעראַטיוון מיט רוי-שטאָפן און נעמט ביי זיי אָפּ די פאַרטיקע פּראָדוקציע. זי האָט אין אַ ריי שטעט אין נידערשלעזיע אייגענע פאַרקויף שטעלן. דער אומזאַץ פון דער ווירטשאַפט-צענטראַלע איז אַ גאָר גרויסער.

אין דער גאַנצער פּילזייטיקער אַרבעט צו פּראָדוקטיוויזירן די יידישע באַפעלקערונג, האָט אַ הויך דער קאָלאָסאַלער הילף פון „דזשאָינט”, אַ באַזונדערס גרויסע הילף געגעבן די פּוילישע רעגירונג. די הילף האָט זיך נישט באַגרענעצט נאָר צום אויפעפענען פאַר יידן די טויערן פון פאַבריקן, וואַרשטאַטן און מלוכהשע אונטערנעמונגען, נאָר האָט זיך אויך אויסגעדריקט אין איבערגעבן די יידן גאַנצע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. מיט דער הילף פון דער פּוילישער דעמאָקראַטישער רעגירונג האָבן יידן איבערגענומען די מיל-מאַשינען-פאַבריק אין וראָצלאַוו, די הוט-פאַבריק אין ליגניץ, די וואַטע-פאַבריק אין ביעלאַווע, די טעקסטיל-פאַבריק אין זדראָיאָוויץ, די מעבל-פאַבריק אין שטשעגאָם א. א. וו.

דער ברייטער פאַרנעם פון דער שטיצע מצד דער פּוילישער רעגירונג לגבי דער פּראָדוקטיוויזאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג, האָט געשאַפן פאַר אונזער יונגן ישוב גרויסע אַנטוויקלונגס-מעגלעכקייטן, וועלכע זענען אין אַ באַדייטנדיקער מאָס שוין אויסגענוצט געוואָרן און דאַרפן נאָך אין דער נאָענטסטער צוקונפט אויסגענוצט ווערן אין דער פולער מאָס.



מענדל שאַפּיר. געב. 1868 אין לובלין
היינט אַ לאַנדווירט אין פּיאָטראָלעשיע.



שלמה הייזנער געב. 1872 אין שניאַטין,
אַ פויער פון דער יידישער קאָאָפּעראַטי-
ווער לאַנדווירטשאַפטלעכער פערמע
אין קידלין (ביי ריכבאַך).

יידישע לאַנדווירטן

# ייִדן אויף ערד.

אַ וויכטיקער באַשטאַנד־טייל פון דער פּראָדוקטיוויזאַציע־אַרבעט אין ני־דערשלעזיע איז דאָס באַזעצן פון אַן ערך 500 ייִדן אויף ערד־אַרבעט. דאָס מאַכט נאָך בולטער דעם סאָציאַלן פּנים פון אונזער ישוב.

שוין ביים אָנהויב פון אָרגאַניזירן דעם נידערשלעזישן ישוב, ווי נאָר ייִדן זענען אַרויס פון די לאַגערן, איז אַ טייל פון זיי, הויפּטזעכלעך אין ריכ־באַכער ראַיאָן, אַוועק אויף ערד־אַרבעט. מיטן אָנקום פון די פּוילישע ייִדן פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד האָט זיך די צאָל פאַרגרעסערט. ביים היינטיקן טאָג זענען פאַראַן 140 ייִדישע לאַנדווירטשאַפטן מיט 1173 העקטאַר ערד, דערפון 970 העקטאַר פרוכטבאַרע ערד. די ייִדישע לאַנדווירטשאַפטן באַזיצן 150 פערד, 200 קי און עטלעכע טויזנט עופות. אויף דער לאַנדווירטשאַפט זענען באַזעצט 190 ייִדישע פאַמיליעס מיט 420 מענטשן. די ווירטשאַפטן זענען ביז דעם 9־טן מערץ 1947 געווען בלויז אין צייטווייליקן באַזיץ פון די ייִדישע פויערים און איצט ווערן זיי שוין פולשטענדיקע אייגנטימער פון דער ערד. אַ חוץ דעם, אַרבעטן אַלס לוין־אַרבעטער אין די דאָזיקע לאַנדווירטשאַפטן 150 ייִדן.

עס ווערן ווייטער געמאַכט די נויטיקע הכנות איבערצונעמען נייע גרויסע לאַנדווירטשאַפטן פאַר ייִדן, וואָס ווילן איבערגיין צו ערד־אַרבעט. עס איז פאָרויסצוזעען אַז די צאָל ייִדישע לאַנדווירטן וועט זיך אין די נאָענטסטע צייט באַדייטנד פאַרגרעסערן.

אין ריכבאַכער קרייז זענען שוין היינט גוט באַקאַנט אַזעלכע ייִדישע לאַנדווירטן, ווי אַרבעסמאַן, שוואַרצבאַרד, י. טעפּער, געלמאַן און פיל אַנדערע און אַנדערע. אַרבעסמאַן איז פאַר דער מלחמה געווען אַ הענדלער. בשעת דער מלחמה האָבן אים די היטלעריסטן פאַר־שיקט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער ביי ריכבאַך. ווען די רויטע אַרמיי האָט אים באַפרייט פון לאַגער האָט ער זיך אויסגעזוכט איינע פון די שענסטע לאַנד־ווירטשאַפטן און האָט אָנגעהויבן באַלעבאַטעווען. היינט ווייסן אַלע, אַז ביי אַרבעסמאַנען זענען פאַראַן די שענסטע קי (אגב רופט ער זיי אַלע מיט צערט־לעכע ייִדישע נעמען) און די בעסטע פערד. זיין לאַנדווירטשאַפט וואַקסט פון טאָג צו טאָג. לייב שוואַרצבאַרד איז געקומען פון קליין־פוילן. דאָרט איז ער געווען אַ טעכנישער לייטער פון א ליכט־פאַבריק. היות אין נידערשלעזיע זענען

נישט נויטיק קיין ליכט־פאַבריקן (אומעטום איז פאַראַן עלעקטריש ליכט) האָט ער זיך פאַרשריבן אויף אַן אַגראָנאָם־קורס ביים יידישן קאָמיטעט און אין אַ קורצער צייט איבערגענומען אַ לאַנדווירטשאַפט אין ביעליאַווע (ריכבאַכער קרייז). היינט ווייסן שוין אַלע לאַנדווירטן אין ביעלאַווע, אַז די שענסטע און גרעסטע צוקער־בוראַקעס וואַקסן אויף לייב שוואַרצבאַרדס ערד. דער דאָזיקער לאַנדווירט האָט אויך די שענסטע קעלבלעך, ווייל אַנשטאַט צו פאַרקויפן די מילך, שפייזט ער מיט איר זיינע קעלבלעך און פרייט זיך דערביי, אַז דאָס איז ראַיעלער ווי געלט...

## די יידישע באַנק פאַר פּראָדוקטיוויזאַציע

די וואָרצלאַווער אָפּטיילונג פון דער יידישער באַנק פאַר פּראָדוקטיוויזאַציע, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן מיט דער הילף פון „דזשאָינט", האָט אָנגעהויבן איר טעטיקייט אין חודש מערץ 1946. זי האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו געבן אַ ביליקן און לאַנגטערמיניקן קרעדיט די יידישע קאָאָפּעראַטיוון און אינדיווידועלע אַרבעטס־וואַרשטאַטן. צו דער באַנק זענען צוגעטראָטן 394 מיטגלידער, צווישן זיי 58 פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון און 336 האַנטווערקער און מענטשן פון פרייע באַרופן.

אין משך פון יאָר 1946 זענען געגעבן געוואָרן הלוואות אויף אַ סומע פון העכער 22 מיליאָן זלאָטעס. פון די אַרויסגעגעבענע קרעדיטן האָבן דעם גרעסטן טייל באַקומען די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון (18 מיליאָן זלאָטעס). 4 מיל. זלאָטעס האָבן באַקומען שניידער, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן און קליינע פּראָדוציר־אונטערנעמונגען. אַזוי אַרום איז אַ דאַנק די הלוואות געגעבן געוואָרן אַ מעגלעכקייט הונדערטער אינדיווידועלע און קאָלעקטיווע אַרבעטס־וואַרשטאַטן אָנצוהויבן צו פאַרברייטערן זייער פּראָדוציר־טעטיקייט. ביז היינט איז שוין אויפן חשבון פון די הלוואות צוריק איינגעפלאָסן אין דער קאַסע פון דער באַנק עטלעכע מיליאָן זלאָטעס. די דאָזיקע סומע איז ווידער פאַרטיילט געוואָרן צווישן אַנדערע, וועלכע נויטיקן זיך אין הלוואות.

* * *

ווען מיר וועלן נעמען אין באַטראַכט, אַז דער פּראָצעס פון פּראָדוקטיוויזירן די יידן איז פאָרגעקומען אין אַ צייט, ווען בהלה און פּאַניק־שטימונגען האָבן אַרומגענומען באַדייטנדיקע קרייזן פון יידישן קיבוץ, בפרט נאָך דעם קעלצער פּאָגראָם, ווען יידן זענען טאָג־טעגלעך געלאָפן איבער דער גרענעץ אין אומפאַראַנטוואָרטלעכע עלעמענטן צווישן די יידן גופא האָבן אָנגעוואָנדן אַלע מיטלען, כדי צו ליקווידירן אונזער ישוב אין פוילן—דאַן וועט נאָך בולטער זיין, ווי טיף עס זיצן שוין די וואָרצלען פון דעם נייעם יידישן ישוב אין נידערשלעזיע.

די טויזנטער יידישע אַרבעטער פון די פאַבריקן און פון די קאָאָפּעראַ-



פּיאָטראָלעשיע. דער טראַקטאָריסט קאַרשענשטיין עלי מיט זיינע געהילפן
ביי דער אַרבעט אויף די יידישע פעלדער.



ביעליאַווע. יידישע דעמאָביליזירטע זעלנער פון דער פוילישער
אַרמיי אין די יידישע גערטנערייען.

טיוון האָבן מיט זייער געזונטן חוש דערפילט, אַז דאָס לאָזן זיך איבער גרע־
נעצן איז געפערלעך. די טראַגישע לאַגע פון די יידן אין די לאַגערן פון דייטש־
לאַנד און עסטרייך פון איין זייט, און דער היסטאָרישער וואַל־נצחון פון דער
דעמאָקראַטיע אין פוילן פון דער צווייטער זייט, האָבן נאָך בולטער געמאַכט די
שעדלעכקייט פון יציאת פוילן, און די נויטווענדיקייט פון נאָך טיפער זיך
איינצוואָרצלען אין דעם באָדן, אויף וועלכן מיר האָבן דורות־לאַנג געלעבט
און געשאַפן.

## מען לערנט זיך אַרבעטן.

די אַרבעט פון די „אָרט"־קאָמיטעטן אין נידערשלעזיע האָט זיך אָנגע־
הויבן אין האַרבסט 1946 י. אין קעגנזאַץ צו די פאַרמלחמהדיקע צייטן, ווען
דער „אָרט" פלעגט בויען נאָרמאַלע פאַך־שולן, איז אויסגעקומען צו שאַפן בלויז
קורץ־טערמיניקע קורסן. דאָס איז זיכער אַן איבערגאַנגס־דערשיינונג. יעדע
„אָרט"־אָפטיילונג אין נידערשלעזיע מאַכט די געהעריקע צוגרייטונגען צו
פאַרוואַנדלען די עקזיסטירנדיקע קורסן פאַר דער יוגנט, אגב באַשטעטיקטע
דורך די געהעריקע מלוכהשע שול־אינסטאַנצן, אין נאָרמאַלע פאַך־שולן.
דער לערן־פּראָגראַם ווערט צונויפגעשטעלט אַזוי, אַז דער שילער, וועלכער גע־
ניסט פון די שלאָסער־מעכאַנישע, ראַדיאָ־טעכנישע, עלעקטראָ־מעכאַנישע און
לאַנדווירטשאַפטלעכע קורסן, זאָל אויסער די פּראַקטישע אַרבעטן, וועלכע ער
דאַרף אַדורכמאַכן, אויך באַקומען די טעאָרעטישע, פאַכמענישע און אַלגעמיינע
בילדונג. אַלע קורסן פאַר יוגנטלעכע ביים „אָרט" אין נידערשלעזיע זענען גע־
בויט אויפן יסוד פון 4 שעה פּראַקטישע אַרבעטן און 4 שעה אַלגעמיינע און
פאַכמענישע בילדונג טעגלעך. די שלאָסער־מעכאַנישע קורסן, וועלכע עקזיס־
טירן אין וואָרצלאַוו זענען אויסגעשטאַט, נישט רעכנענדיק די נויטיקע האַנט־
מכשירים, מיט טאָקערײַ, בויער־שלייף־מאַשינען, וועלכע גיבן די מעגלעכקייט
די שילער אונטער דער אָנפירונג פון געניטע פאַכמענער צו דערלערנען אַ גרע־
סערן טייל פון אַלע שלאָסער־מעכאַנישע אַרבעטן. צוזאַמען מיט דער עלעקטרי־
שער שמידערײַ, וועלכע עקזיסטירט ביי די קורסן, גיבן די וואַרשטאַטן דעם
שילער דעם געהעריקן באַגריף וועגן שלאָסערײַ, מעכאַנישער באַאַרבעטונג און
שמידערײַ. די דאָזיקע, דערווייל איינִיאָריקע, קורסן וועלן דינען אויף להבא
אַלס באַזע פאַר אַ צוויי־יאָריקער שטענדיקער פאַך־שול. אין וואָרצלאַוו איז שוין
פאָרגעקומען דער ערשטער אַרויסלאָז פון שילער פון עלעקטראָטעכנישן קורס.
אַלע באַקומען באַשעפטיקונג אַלס קוואַליפיצירטע אַרבעטער. עס זענען
אויך געשאַפן געוואָרן זעקס חדשימדיקע קורסן פון נייען און צושניידן פאַר
פרויען. עס האָבן שוין באַקומען קוואַליפיקאַציעס אַלס שניידערינס פון קינדער־קליי־

דונג און לייכטע פרויען־גאַרדעראָב אין וװראָצלאַװ, װאַלבזשיך און ריכבאַך — 130 שילער. ראַדיאָ־טעכנישע און עלעקטראָ־מעכאַנישע קורסן אין ריכבאַך, װאַלבזשיך און װראָצלאַװ—140 שילער. דער ראַדיאָ־טעכנישער קורס אין ריכ־באַך איז אויסגעריכט מיט פולקאָמע װאַרשטאַטן, צוגעשיקט דורך דער „אָרט"־צענטראַלע אין זשענעװע. דער דאָזיקער קורס, אַ דאַנק דעם גוטן לערער פערסאָנאַל, װעלכער באַשטייט פון אינזשעניערן פון די ריכבאַכער מלוכהשע ראַדיאָ־פאַבריקן, שטייט אויף דעם געהעריקן ניװאָ, און װעט אין שול־יאָר 1947/48 פאַרװאַנדלט װערן אין אַ ראַדיאָ־טעכנישער צװיי־יאָריקער פאַך־שול. דער „אָרט" אין װאַלבזשיך האָט געגרינדעט צװיי פאַרפולקאָם־קורסן פאַר אי־בער 60 מענער און פרויען. נאָכן ענדיקן די קורסן װעלן די שילער בײלייגן אַן עקזאַמען און װעלן באַקומען דאָס רעכט צו פירן זעלבסטשטענדיקע האַנט־װערקער־װאַרשטאַטן.

די „אָרט"־פאַרװאַלטונג האָט צוזאַמען מיט די אָרטיקע יידישע קאָמיטעטן געהאָלפן איינאָרדנען יידישע משפחות אויף ערד אין ריכבאַכער געגנט. די יידישע לאַנדװירטן באַקומען פאַכמענישע עצות פון די „אָרט"־אַגראָנאָמען, װי אויך הלוואות אויף איינצושאַפן זיך דעם געהעריקן טויטן און לעבעדיקן אינ־װענטאַר. עס זענען געגרינדעט געװאָרן אין ריכבאַך קורסן פאַר טעאָרעטישער און פראַקטישער אויסבילדונג אין אַלע צװייגן פון דער מאָדערנער לאַנדװירט־שאַפט און אַגריקולטור.

צו די קרוב 500 שילער אין די אָרט־שולן אין נידערשלעזיע װעלן אין גיכן צוקומען נאָך יוגנטלעכע און דערװאַקסענע, װאָס שטרעבן צו װערן הויך־קװאַליפיצירטע פאַכמענער. דער „אָרט" איז צוגעטראָטן צו שאַפן נייע אָפטיי־לונגען אין ליגניץ, ביעליאַװע און אין שטשעגאָם. דער דאָזיקער פראָצעס פון פאַרברייטערן די „אָרט"־טעטיקייט אין נידערשלעזיע װעט אין דער צוקונפט נאָך באַקומען אַ גרעסערן פאַרנעם, כדי אַזוי אַרום געבן אַ מעגלעכקייט אַלע־מען, װער עס װיל באַקומען אַ פאַך און פירן אַ פראָדוקטיװ־שעפערישן לעבן, דאָס צו דערגרייכן.



וואַלבזשיך. יידישע אַרבעטער־יוגנט מאַרשירט אויף די גאַסן.



ריכבאַך. מאַלי פיקאָן און יעקב קאַליך צו גאַסט אין יידישן יוגנט־היים.
עס זיצן פון רעכטס אויף לינקס: י. עגיט, י. קאַליך, מאַלי פיקאָן, ליליאַנאַ וואַרם.

# די יידישע יוגנט אין נידערשלעזיע.

איינע פון די וויכטיקסטע און גלייכצייטיק שווערסטע אויפגאַבן, וועלכע עס האָט די יידישע קאָמיטעטן געשטעלט דער וואַקסנדיקער יידישער ישוב אין נידערשלעזיע (בפרט אין מאָמענט פון דער מאַסן־רעפּאַטריאַציע) איז געווען דאָס איינאָרדנען די יידישע יוגנט. עס האָט זיך נישט געהאַנדלט בלויז וועגן דעם, אַז מ׳זאָל די יוגנטלעכע אַרויסהעלפן און לינדערן זייער מאַטעריעלער נויט, נאָר דער עיקר — אין דערציִען זיי, געבן די יונגע מענטשן די מעגלעכ־קייט פון אַ געזונטער, פיזישער און מאָראַלישער אַנטוויקלונג, געבן זיי אַ פאַך אין האַנט, כדי זיי זאָלן אויסוואַקסן קולטורעלע, פּראָדוקטיווע, און נוצלעכע יידן־בירגער.

דער פּראָבלעם איז געווען נאָך מער קאָמפּליצירט דערפאַר, ווייל איבער 20 פּראָצענט יוגנטלעכע זענען קיילעכדיקע יתומים, און איבער 50 פּראָצענט — האַלבע יתומים.

די אַנטשטאַנענע יוגנט־אָפּטיילונג ביים וואָיעוואָדישן יידישן קאָמיטעט אין נידערשלעזיע האָט אַנטוויקלט אַ ברייטע טעטיקייט צווישן דער יידישער יוגנט. אַרום 4000 יוגנטלעכע זענען באַזאָרגט געוואָרן מיט אַ נאָרמאַלן שוץ. 720 יוגנטלעכע זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אין די פאַבריקן, 180 אין די קוילן־גרובן, 580 אין די קאָאָפּעראַטיוון און אין די פּריוואַטע וואַרשטאַטן, 300 אויף פאַרשיידענע אַמטן און אין די לאַנדווירטשאַפטן, 500 לערנען זיך אויף די „אָרט״־קורסן. פאַר 500 יוגנטלעכע אָן עלטערן זענען געשאַפן געוואָרן 12 יוגנט־היימען. עס איז אויך אַנטשטאַנען אַ יוגנט־פּאַלאַץ אין טעקסטיל־צענטער, אין ביעלאַווע. דאָס רוב פון דער דאָזיקער יוגנט לערנט זיך מלאכות, אַ געוויסע צאָל אַרבעטן אין די פאַבריקן. 170 פון זיי לערנען זיך אַלס שלאָסער און עלעק־טראָ־מעכאַניקער, 100 יוגנטלעכע לערנען זיך אַלס וועבער, 60 — אַלס שניידער א. א. וו. אין די יוגנט־היימען ווערן נאָרמאַל געפירט טעאָרעטישע למודים. אין אַ סך יוגנט־היימען זענען פאַראַן דראַם־קרייזן, אָרקעסטערס, ספּאָרט־גרופּן א. ד. גל. די אַרבעטנדיקע יוגנט ווערט סיסטעמאַטיש געשטיצט פינאַנסיעל דורך דעם יידישן קאָמיטעט. אַזוי למשל, באַקומען פינאַנסיעלע הילף 140 יוגנט־לעכע קוילנגרעבער. עס אַרבעטן אויך יוגנטלעכע אין די מעטאַל־פאַבריקן און אין אַנדערע אינדוסטריע־צווייגן.

אַ באַזונדערע זאָרג ווייזט אַרויס דער יידישער קאָמיטעט פאַר די יידישע סטודענטן אין וראָצלאַוו. אין די וראָצלאַווער הויך-שולן לערנען זיך 235 יידישע סטודענטן. פאַר די סטודענטן האָט דער יידישער קאָמיטעט איינגעאָרדנט אַן אייגענע היים אין אַ דריישטאָקיקן בנין מיט גרויסע ליכטיקע צימערן, ווו דער גרעסטער טייל פון די סטודענטן געניסט פון דער פולשטענדיקער מאַטער- יעלער אויסהאַלטונג. די יידישע סטודענטן באַקומען אויך פון יידישן וואָיעוואָ- דישן קאָמיטעט נאָרמאַלע סטיפּענדיעס.

די יוגנט-אָפּטיילונג ביים וואָיעוואָדישן יידישן קאָמיטעט האָט דורכגע- פירט אַ וויכטיקע אַרבעט מיטן אַנטוויקלען דעם ספּאָרט-וועזן צווישן דער יידי- שער יוגנט. ס׳זענען געשאַפן געוואָרן 14 יידישע ספּאָרט-קלובן, וועלכע ציילן העכער טויזנט מיטגלידער, מיט סעקציעס פון פוטבאָל, לייכטאַטלעטיק א. אַ. וו. די יידישע ספּאָרט-קלובן זענען זייער פּאָפּולער נישט נאָר צווישן דער יידישער באַפעלקערונג, נאָר אויך ביי דער פוילישער באַפעלקערונג. 5 פוטבאָל-מאַנ- שאַפטן נעמען אָנטייל אין דעם קאַמף פאַר מייסטערשאַפט אין דער אַלגעמיי- נער ספּאָרט-פאַרמעסטונג פון נידערשלעזיע. דער וואַלבזשיכער יידישער פוטבאָל- קלוב האָט שוין אויסגעקעמפט די ערשטע קלאַס פאַר איר מאַנשאַפט.

# קינדער=שוץ

# פאַר אונזערע קינדער

דער אויפקומענדיקער יידישער ישוב אין נידערשלעזיע האָט פון אָנהויב אָן אַרויסגעוויזן די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט צום יידישן קינד. יידישע קינדער, וועלכע האָבן אַדורכגעמאַכט די שווערסטע קאָשמאַר־יאָרן אין בונקערס, וועלדער, אין די מויערן פון געטאָס, אויף דער אַרישער זייט; קינדער, וועלכע האָבן געזען מיט זייערע אייגענע אויגן די שרעקלעכע טראַגעדיע פון זייערע פאָטערס און מוטערס — האָבן זיך געגנויטיקט אין אַ באַזונדער האַרציקער, מוטערלעכער באַציִונג. אויך די קינדער, וועלכע זענען צוריקגעקומען פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד האָבן געמוזט אויפגענומען ווערן מיט דער גרעסטער וואַרעמקייט און זאָרג.

שוין אויף דער ערשטער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון דעם יידישן וואָיעוואָדישן קאָמיטעט, דעם 17־טן יוני 1945 אין ריכבאַך, איז באַשלאָסן געוואָרן אַריבערצופירן דעם לובלינער קינדערהיים קיין פיאָטראָלעשיצע. ביזן היינטיקן טאָג איז די דאָזיקע קינדער־היים אויפן נאָמען פון יאַנוש קאָרטשאַק די שענסטע קינדער־אינסטיטוציע אין נידערשלעזיע.

צום 1־טן מאַי 1946 איז אין נידערשלעזיע געווען איין קינדער־היים מיט 4 האַלב־אינטערנאַטן, אין וועלכע עס האָבן זיך דערצויגן 300 יידישע קינדער. שוין צום 1־טן דעצעמבער 1946 זענען געווען 2 קינדער־היימען מיט 200 קינדער און 38 האַלב־אינטערנאַטן מיט 3000 קינדער, אַ „קינדער־פּאַלאַץ" אין ריכבאַך אויפן נאָמען פון דער פעדעראַציע פון די פוילישע יידן אין אַמעריקע, אין וועלכן עס לעבן 200 קינדער, און אַ קינדער־היים אין ליגניץ אויפן נאָמען פון פראַטערנאַלן פאָלקס־אָרדן אין אַמעריקע, 3 טאָג־היימען פאַר קינדער ביז 3 יאָר און 2 פאָרשולן, 5 קינדער־וואַרשטאַטן, וווּ יידישע קינדער לערנען זיך סטאָלעריי, וועבעריי און שלאָסעריי. די קינדער־היימען און האַלב־אינטערנאַטן ווערן אָנגעפירט דורך אויסגעוויילטע זעלבסט־פאַרוואַלטונגען פון די קינדער גופא, אונטער דער השגחה פון קוואַליפיצירטע דערציער. עס זענען אויך אָרגאַניזירט געוואָרן ביי די דאָזיקע קינדער־אַנשטאַלטן דראַמאַטישע קרייזן, ספּאָרט־קרייזן

און כאָרן. די קינדער־שוץ אָפטיילונג ביים יידישן וואָיעוואָדישן קאָמיטעט האָט אויך איינגעאָרדנט אַ מעטאָדישן קאַבינעט. ווו ס׳ווערן געגעבן פאַכמענישע אָנ־ווייזונגען די דערציער.

אין דער נייער ווירקלעכקייט שפּילט פאַרן יידישן קינד דער האַלב־אינ־טערנאַט אַ גאָר וויכטיקע ראָל. נאָך די שרעקלעכע מלחמה־איבערלעבענישן איז פאַרן קינד ווייניק בלויז די שול. דאָס יידישע קינד מוז האָבן אַ גרעסערע מאַ־טעריעלע און מאָראַלישע הילף. דער האַלב־אינטערנאַט שאַפט פאַר אים אַ גוטע קינדער־סביבה, וואָס דערלאָזט נישט די אָפטמאָל שעדלעכע ווירקונג פון דער גאַס און פון שלעכטע חברים. אין האַלב־אינטערנאַט געפינען די קינדער אַלץ וואָס זיי אינטערעסירט, ביי אַ כסדרדיקער אויפזיכט פון גוטע דערציערס. דאָס קינד געפינט אין האַלב־אינטערנאַט אַלע מעגלעכע אופנים פון שפּילן זיך, אַ גוט קינדער־ביכל, אַן ענטפער אויף די פראַגן, וואָס עגבערן דעם מח פונם קינד. דאָרט געפינט עס אויך אַ ספּעציעלן אַרבעטס־וואַרשטאַט, ווו עס געוווינט זיך שוין צו קליינערהייט צום קומענדיקן פּראָדוקטיוון לעבן.

אַ באַדייטנדיקן אָרט אין די האַלב־אינטערנאַטן פאַרנעמט די אַרטיסטישע דערציונג פונם קינד. די קינדער לערנען זיך שפּילן, זינגען, טאַנצן. עס ווערן אויף אַזאַ אופן אַרויסגעבראַכט און אַנטוויקלט די פאַרבאָרגענע פעיקייטן און טאַלאַנטן ביי די קינדער. דאָס איז ברייט באַוויזן געוואָרן בעת די קינדער־קאָנצערט־אָלימפּיאַדעס, אין וועלכע עס נעמען טיילמאָל אַנטייל ביז 200 יידישע קינדער. די דאָזיקע אָלימפּיאַדעס מאַכן אַ שטאַרקן איינדרוק אויף דער יידישער באַפעלקערונג און אויך אויף דער פּוילישער. נאָך איינעם אַזאַ קינסט־לערישן קינדער־אַרויסטריט אין ריכבאַך, האָבן אַ גאַנצע ריי פּוילישע אינסטי־טוציעס, ווי די בירגער־מיליץ, די שטאָטישע באַנק, דער סטאַראָסטע א. א. צו־געשיקט פאַר די קינדער מתנות און געלט. אין זייערע בריוו צום יידישן קאָ־מיטעט שרייבן זיי: „דאָס, וואָס מיר האָבן געזען, האָט אויף אונז געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק. מיט אַזעלכע קינדער קענט איר זיין שטאָלץ. נעמט צו אונזערע מתנות אַלס אויסדרוק פון אונזער אַנערקענונג פאַר אייער גרויסער און וויכטיקער אַרבעט״. ביי די קינדער איז שטאַרק אַנטוויקלט דער ספּאָרט. עס זענען פאַראַן יידישע קינדער־גרופּעס פון לייכט־אַטלעטיק, פוטבאָל, באָקס, פּינג־פּאָנג, ראָווערן־פאָרערס א. א. עס קומען אָפט פאָר פאַרמעסטונגען צווישן קינדער־היימען פון איין שטאָט מיט דער צווייטער.

ווען מ׳קוקט זיך צו נאָענט צו אונזערע זינגענדיקע און טאַנ־צנדיקע קינדער, פאַרגעסט מען אָפטמאָל די שרעקלעכע איבערלעבונגען, וואָס יעדעס פון זיי האָט אין זיין יונג לעבן דורכגעמאַכט. מיר טאָרן אָבער אין אונ־זער דערציונגס־אַרבעט אויף קיין איין מינוט נישט פאַרגעסן אין דעם, וואָס

## וווקס פון קינדער-אנשטאלטן, שולן און יוגנט היימען אין נידערשלעזיע

### פארן יאר 1946



אַ באַדייטנדיקער טייל קינדער ברענגט מיט זיך אין קינדער־היים. אַ פּאָר ביישפּילן:

פעליע שערמאַן, געבוירן אין 1935 יאָר אין סאָסנאָוויעץ. אַ טעכטערל פון יעקב און שרה שערמאַן. דעם פאָטער האָבן ס.ס.־לייט דערמאָרדעט אין שפּיטאָל, בעת ער איז געלעגן קראַנק. די מוטער איז אומגעקומען אין סאָבי־באָר. צוזאַמען מיט דער שוועסטער איז פעליע געווען באַהאַלטן אין וואַלד „אָכאָזשע". פון דער גרויסער קעלט איז איר שוועסטערל אין וואַלד פאַרפרוירן געוואָרן. פעליע האָט געטראָפן אין דעם דאָזיקן וואַלד אַ גרופּע יידישע פּאַר־טיזאַנער, וועלכע האָבן זי מיטגענומען מיט זיך. זי האָט געזען, די קליינע פע־ליע, אַלץ, וואָס די פּאַרטיזאַנער האָבן געטון. זי האָט זיך איינגעלעבט מיט דער גאַנצער חברה און זיך באַטייליקט אין זייערע קאַמפן קעגן דייטשישן אָקופּאַנט. בעת אַן איבערפאַל פון די דייטשן איז פעליע פאַרוווּנדעט געוואָרן אין אַ האַנט. פון דער וווּנד ליידט זי ביזן היינטיקן טאָג. די פּאַרטיזאַנער האָבן די פאַרוווּנדעטע פעליע אַריינגעטראָגן צו אַ פּויער און פאָרגעלייגט ער זאָל זי אויסבאַהאַלטן. פעליע איז געוואָרן אַ פאַסטוך ביים פּויער און טאָג־טעגלעך געפירט בהמות אויף פּאַשע. לאַנג האָט געדויערט ביז זי האָט זיך דערוואַרט אויפן קומען פון דער סאָוועטישער אַרמיי. היינט געפינט זיך פעליע אין פּיאָטראָלעשיער קינדער־היים. זי האָט זיך שוין אויסגעלערנט יידיש, העבּ־רעאיש און פויליש. זי איז אַן ענערגיש מיידעלע, זי פירט אָן מיט דער זעלבסט־פאַרוואַלטונג פון דער מיטעלער גרופּע קינדער.

אַליע אָפּענהיים איז געבוירן אין 1934 יאָר, אין קראַשניק, לובלינער וואָ־יעוואָדשאַפט. אין יאָר 1942 בעת אַן „אַקציע", האָבן די דייטשן אָנגערייצט אויף דער קליינער אַליען בייזע הינט, וועלכע האָבן אָנגעהויבן רייסן פון איר שטיקער. מיט טרערן אין די אויגן האָט דער פאָטער, וועלכער איז געווען אַ פאַכמאַן און די דייטשן האָבן אים נויטיק באַדאַרפט צו דער אַרבעט, קוים געפועלט ביי די סאַדיסטן אָפּצוראַטעווען זיין קינד. די קליי־נע אַליע איז עטלעכע מאָל געווען אין די הענט פון געסטאַפּאָ. איינמאָל האָט זי צוזאַמען מיט דער שוועסטער אויפגעבראָכן אַ וואַנט אין דעם געסטאַפּאָ־אַרעסט און אַנטלאָפן. אַ צווייט מאָל האָט מען זי צוזאַמען מיט אַ גרופּע יידי־שע קינדער געפירט שיסן. אויף די הענט האָט זי געהאַלטן אַ קליין קראַנק מיידעלע. די דייטשן האָבן געעפנט אַ פייער אויף די קינדער און אַליע צוזאַ־מען מיטן מיידעלע איז אַריינגעפאַלן אין גרוב. אַ קויל האָט געטראָפן דעם קראַנקן מיידעלע, אַליע איז געבליבן לעבן, און איז אָפּגעלעגן אין דער גרוב מיט אַ סך טויטע קינדער אַ גאַנצע נאַכט. ערשט אינדערפרי איז זי אַ פאַר־בלוטיקטע אַנטלאָפן. די מוטער און דער פאָטער זענען אומגעקומען אין מיידאַ־נעק און זי אַליין איז געלעגן אַ יאָר צייט אויף אַ בוידעם פון אַ שול, ווו זי



שערמאַן פעלע



אָפּענהיים אַלאַ



ציענעק מענדל

קינדער פון פּיאָטראָלעשיער קינדער־היים

איז קראַנק געוואָרן אויף טיפוס און דיזענטעריע. פון די שרעקלעכע באַדינ־גונגען זענען ביי איר די פיס פּאַראַליזירט געוואָרן. זי איז אַדורך אַן אָפּעראַ־ציע און ווען מען האָט זיך דערוווּסט, אַז זי איז אַ יידיש קינד האָבן איר די דייטשן אַוועקטראַנספּאָרטירט קיין אָשוויענטשים. אויפן וועג אַהין איז זי דורכ־געפאָרן איר געבוירן־שטאָט קראַשניק און דאָרט איז איר געלונגען צו אַנט־לויפן צו אַ באַקאַנטער פּוילישער פאַמיליע, ווו מען האָט זי אויסבאַהאַלטן ביז צום אָנקומען פון דער סאָוויעטישער אַרמיי.

זיענעק מענדל, געבוירן אין 1936 יאָר אין וואָלין. זיין פאָטער האָבן די דייטשן דערשאָסן אויפן יידישן בית־עולם אין דער צייט, ווען ער האָט מקבר געווען יידישע קרבנות. די מוטער האָבן די היטלער־לייט אַרויסגעפירט און מער האָט ער זי נישט געזען. ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן די גאַנצע צייט אין פאַרשיידענע לעכער און איז כסדר געווען אין סכנה. 2 מאָל איז ער אַנטלאָפן פון אונטער די הענט פון די געסטאַפּאָ־לייט. נאָכן אָנקומען פון דער סאָוויעטי־שער אַרמיי האָט זיך אים אָפּגעפונען אַ פעטער, מיט וועמען ער איז געבליבן ווינען אין וואָלין. פורים 1945 יאָר איז אַ באַנדע פאַשיסטן באַפאַלן דאָס הויז, ווו עס האָבן געוווינט די איינציקע 8 יידן פון שטאָט און זיי אַלע אויסגע־הרגעט. דעם קליינעם איז געלונגען זיך צו ראַטעווען. היינט געפינט ער זיך אין אונזער קינדער־היים און צייכנט זיך אויס אַלס דער בעסטער שילער אין דעם 4־טן קלאַס.

פעליע מעדזנער, געבוירן אין זבאַראַזש. ווען די מלחמה איז אויסגע־בראָכן איז זי אַלט געווען 6 יאָר. ביזן היינטיקן טאָג קען זי נישט פאַרגעסן די דייטשע און אוקראַינישע באַנדעס. פון אָנהויב האָט זי זיך אויסבאַהאַלטן צוזאַמען מיט די עלטערן אין די בונקערס. ווען די שפּייז־זאַפּאַסן האָבן זיך געענדיקט האָבן זיי נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה, ווי צו פאַרלאָזן דעם בונקער און דאַן האָט זי פאַרלוירן די עלטערן. מיט אַ קליין שוועסטערל האָט זי געוואַנדערט איבער די פּוילישע וועלדער און דערפער און נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס זיי האָבן זיך אויסגעלערנט „מאָדליען" האָט מען זיי געגלויבט, אַז זיי זענען פּוילישע קינדער. פעליע דערציילט זייער אָפט אַ פאַל פון אירע איבער־לעבענישן: זיי האָבן נישט געוואָלט אַרויסגיין פון אַ נייעם בונקער, אין וועלכן זיי האָבן זיך געפונען. די דייטשן האָבן זיי פאַר די האָר אַרויסגעשלעפּט און געפירט צום שיסן. אויפן וועג האָבן די דייטשן באַמערקט צוויי פּרוּוען און זיך אָנגעהויבן לאָזן נאָך זיי. די קינדער האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט און זיך אויסבאַהאַלטן. האַלב טויטע, פאַרוואָרלאָזטע האָבן זיי זיך דאָך דערוואַרט אויפן אָנקום פון דער סאָוויעטישער און פּוילישער אַרמיי.

אַ באַזונדער קאַפּיטל זענען די קינדער, וועלכע זענען צוריק געקומען פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד. על פי רוב זיינען זיי צוליב די מלחמה־באַדינגונגען

געוועז ווייט פון אונזער נאַציאָנאַל־יידישן לעבן. אַ סך שפּראַכן האָבן זיי געקענט: רוסיש, פּויליש, אוקראַיניש, אוזבעקיש, טאָטעריש, קירגיזיש אָבער גאָר ווייניק פון זיי האָבן גערעדט און פאַרשטאַנען יידיש. פאַר די קינדער זענען געשאַפן געוואָרן אַנשטאַלטן, אין וועלכע זיי לעבן זיך אויס אין אַ וואַרעמער יידישער סביבה, האָבן ליב באַקומען זייער יידיש לשון און ווערן דערצויגן פאַר באַוווסטזיניקע נאַציאָנאַלע יידן.

די יידישע קינדער, וועלכע זענען אין רעזולטאַט פון דער מלחמה אין גרעסטן טייל געווען ראַכיטיש, אַנעמיש און לונגען־קראַנקע, האָבן אין אונזערע אַנשטאַלטן צוריק אויפגעלעבט, צוריק אויסגעגלייכט זייערעביינדע־לעך. אַפילו אין דער צייט, ווען די יידישע קאָמיטעטן אין נידערשלעזיע האָבן זיך געראַנגלט מיט גרויסע מאַטעריעלע שוועריקייטן, איז אַלץ געטאָן געוואָרן, כדי די לאַגע זאָל זיך נישט אָפּשלאָגן אויפן געזונט, דערנערונג און דערציונג פון אונזערע קינדערלעך.

## אַ יידישע שול פאַר אונזערע קינדער

ביז צו דער רעפּאַטריאַציע פון די פּוילישע יידן פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד, איז אין נידערשלעזיע געווען בלויז איין יידישע שול, אין וואָראָצלאַוו. די קליינע צאָל קינדער, וואָס איז לעבן געבליבן, אויסבאַהאַלטנדיק זיך אין די וועלדער, בונקערס אָדער אויף דער אַרישער זייט, איז באַשטאַנען פון קיילעכ־דיקע יתומים און פאַר די דאָזיקע קינדער זענען געשאַפן געוואָרן קינדער־היימען.

די רעפּאַטריאַציע פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד האָט מיט זיך געבראַכט טויזנ־טער יידישע קינדער. ס'איז געוואָרן אַ נייטווענדיקייט צו שאַפן יידישע שולן.

אין חודש אַפּריל 1946 איז דורכן יידישן וואָיעוואָדישן קאָמיטעט גע־רופן געוואָרן אַ קאָנפערענץ פון לערער און שול־טוער. אין רעזולטאַט פון אַ ברייטן מיינונגס־אויסטויש איז געשאַפן געוואָרן אַן איינהייטלעכע פּלאַטפאָרם פאַר די יידישע שולן.

אין חודש מאַי 1946 יאָר זענען שוין געווען 8 יידישע שולן מיט 694 קינדער, אין יוני — 16 יידישע שולן מיט 1280 און צום 1 דעצעמבער — 23 יידישע שולן מיט 1675 קינדער און 116 יידישע לערער.

אין אונזערע שולן ווערן געלערנט פאָלגנדיקע למודים: יידיש, פּויליש, העברעיש, (אָנהויבנדיק פון 3־טן קלאַס) יידישע געשיכטע, אַלגעמיינע און פּוילישע געשיכטע, מאַטעמאַטיק, פיזיק, נאַטור־וויסנשאַפט, כעמיע, געאָגראַפיע, לעקציעס וועגן היינטצייטיקן פּוילן, האַנט־אַרבעט, געזאַנג, גימנאַסטיק און צייכענען.

דער אָנגעוווייטיקסטער פּראָבלעם אין אונזערע שולן איז דער גרויסער מאַנגל אין יידישע לערער. דאָס רוב פון אונזערע לערער זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די היטלעריסטן. ס'זענען לגמרי ניט פאַראַנען קיין שול־ביכער. אין חודש דעצעמבער 1946 יאָר איז פאָרגעקומען דער ערשטער סעמינאַר פאַר 45 יידישע לערער אין װראָצלאַװ, די שול־אָפּטיילונג ביים װאָיעװאָדישן יידישן קאָמיטעט אין נידערשלעזיע האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע אין שול־יאָר 1947/48 שאַפן די ערשטע גימנאַזיע מיט יידיש אַלס אונטערריכט־שפּראַך. עס איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ יידישע מוזיק־שול אין װראָצלאַװ.

## הילף פאַר אַלעמען, װער עס באַנייטיקט זיך

אָן שום מאַטעריעלער הילף פון אויסלאַנד, בלויז מיט דער הילף, װעלכע עס האָט געגעבן די פּוילישע רעגירונג, איז דער יידישער קאָמיטעט צוגעטראָטן אויפבויען אַ לעבן פאַר טויזנטער יידן: עפענען קינדער־היימען, זקנים־הייזער, פאָלקס־קיכן און רעפאַטריאַנטן־הייזער. די ערשטע באַדייטנדע הילף האָט דער ישוב באַקומען פון דער דעמאָקראַטישער רעגירונג אין דער פאָרם פון פּראָדוקטן (300 טאָן מעל, 300 טאָן פאַרשיידענע קאָנסערוון און מילך). די פּוילישע מאַכט האָט אויך געגעבן די אָנקומענדיקע יידן העכער 20 טויזנט איינגעאָרדנטע דירות.

מיטן אָנקומען פון די ערשטע טראַנספּאָרטן פּראָדוקטן פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן, צוגעשיקט פון אונזערע אַמעריקאַנער ברידער – דער עיקר דורכן „דזשאָינט" — זענען געשאַפן געוואָרן אין נידערשלעזיע 28 קיכן, אין װעלכע עס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין משך פון יאָר 1946 אַ מיליאָן מיט 103 טויזנט מיטאָגן. עס [illegible]נען אויפגעעפנט געוואָרן 25 רעפאַטריאַנטן־הייזער, אין װעלכע עס האָבן צייטווייליק געוווינט 59 טויזנט יידן. אין משך פון יאָר 1946 זענען פּאָזיטיוו דערליידיקט געוואָרן 69.490 ביטעס אויף באַקומען שפּייז־פּראָדוקטן און 54.520 ביטעס אויף מלבושים. אויך געלט־שטיצע איז אַרויסגעגעבן געוואָרן 33.280 יידן.

עס זענען אויפגעעפנט געוואָרן זקנים־הייזער, אינוואַלידן־הייזער, קינדער־היימען, פאַך־שולן, אַ הויז פאַר מוטערס און קינדער א. א. וו.

בלויז פאַר אונזערע קינדער־הייזער איז אין 1946 יאָר אויסגעטיילט געוואָרן 180 טויזנט קילאָגראַם פאַרשיידענע פּראָדוקטן. אַ חוץ די חודשלעכע נאָרמאַלע בודזשעטן, װאָס װערן אויסגעצאָלט אַלע אונזערע פאַרמאַכטע אינסטיטוציעס, װערן אויך סיסטעמאַטיש אונטערשטיצט די אַרבעטער אין דער שווערער אינדוסטריע, יוגנטלעכע אַרבעטער, שילער און אינוואַלידן. עס װערט אויך אַרויסגעגעבן שטיצע פאַר די ניי־געבוירענע קינדער.

די הילף פון די יידישע קאָמיטעטן טראָגט ניט קיין פילאַנטראָפּישן כאַראַקטער. די טעטיקייט גייט הויפּטזעכלעך אין דער ריכטונג פון קאָנסטרוקטיווער הילף. אַלץ ווערט געטאָן, כדי צו געבן אַ מעגלעכקייט איינצואָרדנען אויף אַרבעט די, וואָס זענען דערצו פיזיש בכוח.

עס זענען פאַראַן נאָך פיל יידן, וואָס מען דאַרף זיי העלפן קוואַליפיצירן זיך. ס'זענען אָבער פאַראַן אַ סך יידן, וואָס זענען פיזיש ניט אומשטאַנד צו אַרבעטן און מוזן ווערן אויסגעהאַלטן. עס קומען נאָך אָן טאָג־טעגלעך רעפּאַטריאַנטן פון מזרח, פון מערב, וואס נויטיקן זיך אין הילף.

הילף פאַר אַרבעטנדיקע יידן איז נאָך נויטיק. אין דער ריכטונג ווייזט אַרויס גרויס פאַרשטענדעניש פאַר דעם נידערשלעזישן ישוב דער „דזשאָינט" און דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן. ס'מערקן זיך שוין אָבער פאַלן פון זעלבסטהילף־טעטיקייט. אַזוי למשל, האָבן די וואַלבזשיכער קוילן־גרעבער אין חודש נאָוועמבער 1946 געאַרבעט יעדן טאָג איבער דער נאָרמאַלער אַרבעטס־צייט צו צוויי שעה, און אין רעזולטאַט האָבן זיי געגעבן אַ מתנה 300 טויזנט קילאָגראַם קוילן פאַר די יידישע קינדער־היימען אין וואַרשע. זייער ביישפּיל האָבן נאָכגעטאָן די יידישע אַרבעטער אין דער גלאָז־פאַבריק אין וואַלבזשיך, וועלכע האָבן איבערגעגעבן 200 קוום. גלאָז פאַר די יידישע אינסטיטוציעס. אויך די יידישע פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון האָבן אָנגעהויבן צו טאָן אין דער ריכטונג.

די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פונם געזונטן, פּראָדוקטיוון יידישן ישוב אין נידערשלעזיע וועט זיכער גיין אויפן וועג פון ברידערלעכער זעלבסטהילף, כדי מיט אייגענע כוחות הויבן דעם ווילשטאַנד פון דער באַפעלקערונג און פאַרזיכערן אַ נאָרמאַלע אַנטוויקלונג פאַר אונזערע אינסטיטוציעס.

## לאָמיר זיין געזונט

גאָר שרעקלעך איז געווען דער געזונט־צושטאַנד פון די יידן נאָכן צרויסגיין פון די לאַגערן. אין אַלע יידישע קאָמיטעטן זענען אַנטשטאַנען געזונטהייטס־אָפּטיילונגען. די ערשטע אַרבעט פון די דאָזיקע אָפּטיילונגען איז געווען אָרגאַניזירן סאַנאַטאָריעס פאַר די לונגען־קראַנקע.

אין חודש מערץ 1946 ווערט אין נידערשלעזיע געשאַפן די יידישע געזעלשאַפט פאַר געזונט־אָפּהיטונג — „טאָז". דער „טאָז" בויט זיך שנעל אויס און אָרגאַניזירט זיינע אָפּטיילונגען אין 33 שטעט. דער „טאָז" אָרגאַניזירט אויך אַמבולאַטאָריעס פון דער ערשטער קאַטעגאָריע, ווו עס אַרבעטן דאקטוירים פון אַלע ספּעציאַליטעטן. עס ווערן אויך איינגעאָרדנט באַראַטונגס־פּונקטן פאַר מוטערס,

קינדער, פאַר לונגען-קראַנקע, דענטיסטישע קאַבינעטן, כעמיש-באַקטעריאָלאָגישע לאַבאָראַטאָריעס א. ד. גל.

ביים „טאָז" איז פאַראַן אַ סאַנאַטאָריע פאַר לונגען-קראַנקע אין דעם הערלעכן, פון דער נאטור-געבענטשטן ארט — יאַר, מיט 150 בעטלעך, און אַ קינדער-פּרעווענטאָריע אין גערשטשע פוסטע פאַר באַדראָטע פון לונגען-קראַנקהייט, מיט 100 בעטלעך. דער „טאָז" האַלט אויס 80 לונגען-קראַנקע אין די מלוכה'שע סאנאַטאָריעס. אויפן חשבון פון „טאָז" ווערן אויסגעהאלטן אין נידערשלעזיע 16 זויג-קינדער-היימען, ווו עס געפינען זיך 415 קינדער פון אַרבעטנדיקע פרויען און אינוואַלידן. דער „טאָז" פירט אויך אַ קאַמף מיט דער מאַלאַריע, וואס איז פאַרשפרייט צווישן יידן.

איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן פון „טאָז" איז די מעדיצינישע אויפזיכט איבער אונזערע קינדער-אינסטיטוציעס, שולן, האַלב-אינטערנאַטן און יוגנט-היימען. אין די „טאָז" אַמבולאַטאָריעס זענען באַשעפטיקט 100 יידישע דאקטוירים מיט אַ געהילפס-פערסאָנאַל פון 100 מענטשן.

# קולטור=אויפשטייג

# דער קולטור־אויפשטייג אין אונזער לעבן

„צי וועלן מיר נאָך אַמאָל הערן דעם קלאַנג פון יידישן וואָרט? צי וועלן מיר נאָך זען ווען עס איז יידיש טעאַטער, לייענען אַ יידיש בוך?"

זייענדיק אָפּגעריסן פון דער גאַנצער וועלט, פאַרמאַכט אין די קאָנצלאַגערן, פאַרשמאַכטע און פאַראורטיילטע צום טויט, האָבן די יידישע „העפטלינגען", נישט קוקנדיק אויף דער גרויסער פאַרצווייפלונג — דאָך נישט צוגעלאָזט צו זיך דעם געדאַנק, אַז אונזער לעבן גייט אונטער און צוזאַמען מיט אים אונזער יידישע קולטור. די יידן אין די לאַגערן האָבן ביזן לעצטן טאָג פאַרגעסן זייער ווידערשטאַנדס־קאַמף און נישט פאַרלוירן די האָפענונג, אַז מיטן נצחון איבערן היטלער־שונא וועט נאָך צוריק אויפקומען אַ יידיש לעבן. אָט דער געדאַנק האָט זיי געגעבן מוט אין זייער שווערן געראַנגל. מיט טרערן אין די אויגן האָבן די יידן, געראַטעוועטע פון טויט, אויפגענומען די ידיעה, אַז עס איז פאַראַן אַ צענטראַלער יידישער קאָמיטעט אין וואַרשע, אַז פוילישע יידן, נישט געקוקט אויפן גרויסן חורבן, זענען אָרגאַניזירט און נעמען זיך צוריק אויפצובויען דאָס יידישע לעבן און די יידישע קולטור.

אָנגעהויבן האָט עס זיך מיטן ערשטן יידישן קאָנצערט אין דעם זעלבן אָוונט, ווען עס איז אַנטשטאַנען דער וואָיעוואָדישער יידישער קאָמיטעט אין ריכבאַך.

קיין קולטור־טוער, לערער, שרייבער און אַרטיסטן זענען נישט געווען. די יידישע אינטעליגענץ אין פוילן איז כמעט אינגאַנצן אומגעבראַכט געוואָרן דורך די היטלעריסטישע תּלינים. דער ווידערגעבורט פון דער יידישער קולטור האָט געמוזט קומען פונם פאָלק גופא. ווי אַ רעאַקציע קעגן די וואָס האָבן געוואָלט אונז אומברענגען האָט זיך ביי די לעבנגעבליבענע יידן פאַרשטאַרקט די שטרעבונג צו נאַציאָנאַלן ווידערגעבורט. דאָס איז געקומען ווי אַ פּאָרזעצונג פון דעם גרויסן קאַמף, אין וועלכן די יידן האָבן אָנטייל גענומען אויף אַלע פראָנטן קעגן פאַשיזם. זיי האָבן מיט אַלע כוחות געוואָלט דערהאַלטן ביים לעבן דאָס יידישע פאָלק און זיין קולטור. אין רעזולטאַט דערפון, ביי דער קאָלעקטיווער אָנשטרענגונג פון אַלע יידישע געזעלשאַפטלעכע כוחות אין

נידערשלעזיע, וואַקסט אויס אין אַ קורצער צייט אַ באַדייטנדיקע צאָל יידישע קולטור-אינסטיטוציעס. אין נידערשלעזיע איז פאַראַן ביים היינטיקן טאָג 10 יידישע קולטור-הייזער מיט טעאַטער-זאַלן, ווו עס קומען פאָר מיטינגען, פאַר-זאַמלונגען, טעאַטער-פאָרשטעלונגען, ליטעראַרישע אָוונטן און פאָרלעזונגען.

עס זענען אויך פאַראַן אין נידערשלעזיע 35 יידישע קולטור-ווינקלען, ווו יעדן אָוונט קומען זיך צונויף יידן, כדי קולטורעל פאַרברענגען. מען לייענט אַ בוך, אַ צייטונג, מען שפּילט שאַך. דאָרט קומען אויך פאָר לעקציעס. עס זענען פאַראַן 64 דראַמאַטישע קרייזן און כאָרן. עס זענען פאַראַן אַזעלכע דראַמאַטישע קרייזן און כאָרן, וועלכע שטייען אויף אַ באַדייטנדיקן ניוואָ און זייערע אַרויסטריטן ווערן שטאַרק באַזוכט. אַזעלכע זענען די קרייזן אין וואַלבזשיך, יאַוואָר, שווידניץ און ליגניץ.

אין נידערשלעזיע זענען אָרגאַניזירט געוואָרן 32 יידישע ביבליאָטעקן און אַ צענטראַלע ביבליאָטעק אין וורעצלאַוו, צום באַדויערן אָבער מיט זייער אַ באַגרענעצטער צאָל ביכער.

ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ באַוועגלעכער יידישער פאָלקס-אוניווערסיטעט אין וורעצלאַוו. די לעקטאָרן פון דעם פאָלקס-אוניווערסיטעט לייענען ביז 20 לעקציעס אַ חודש אין פאַרשיידענע שטעט פון נידערשלעזיע. עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ יידישער קרייז פון ליטעראַטן און זשורנאַליסטן, וועלכער האָט זיך אויך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו אַנטוויקלען יונגע טאַלענטן. דער קרייז גרייט זיך איצט אַרויסגעבן אַ זשורנאַל.

עס איז אַנטשטאַנען אַ יידישער פאַרלאַג מיט אַן אייגענער דרוקעריי, וועלכער גיט אַרויס אַ צוויי-וועכנטלעכע צייטונג אין דער יידישער שפּראַך א. נ. „נידערשלעזיע" און אין דער פּוילישער שפּראַך א. נ. „נאָווע זשיטשע" מיט אַ טיראַזש פון 10 טויזנט עקזעמפּלאַרן.

זייער גרויס איז די פאַראינטערעסירונג פון די יידישע פאָלקס-מאַסן צו פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און קולטור-אונטערנעמונגען. אויף די 518 פאַרשיידענע אימפּרעזעס, וואָס זענען פאָרגעקומען בלויז אין לעצטן קוואַרטאַל פון יאָר 1946 זענען אָנוועזנד געווען ביי 250 טויזנט יידן. דאָס איז אַ רעזולטאַט פון דעם אינטענסיוון געזעלשאַפטלעך-פּאָליטישן לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג, פון דער פילזייטיקער טעטיקייט פון די אָרגאַניזאַציעס, וועלכע טראָגן צו זייער צושטייער צו דעם וווּקס פונם יידישן ישוב אין נידערשלעזיע.

אַ באַזונדער וויכטיק אָרט אין קולטורעלן לעבן פון אונזער ישוב פאַרנעמט דאָס יידישע טעאַטער. די ערשטע פּיאָנערישע טעאַטער-גרופּע אין נידערשלעזיע מיט די אַקטיאָרן זלמן קאָלעשניקאָוו און חיהלע ראָזענטאַל בראש איז געקומען דירעקט פון די לאַגערן. כאָטש אָנגעהויבן האָבן זיי מיט אַן אימפּראָוויזירטער קאָנצערט-פּראָגראַם פון לייכטן זשאַנר, האָט דער יונגער ישוב אויפ-

געגומען מיט צופרידנקייט זייערע אויפטריטן. מיטן צופלוס פון רעפאַטריאַנטן פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד זענען אָנגעקומען אַ ריי באַקאַנטע אַרטיסטישע כוחות און עס איז געשאַפן געוואָרן דער שטענדיקער נידערשלעזישער יידישער טעאַטער אונטער דער קינסטלערישער אָנפירונג פון יצחק גרודבערג־טורקאָוו, שעפטל זאַק און יעקב קורלענדער. דער טעאַטער־קאָלעקטיוו האָט אין משך פון 4 חדשים אויפגעפירט אַ ריי פיעסן, ווי „דער בלוטיקער שפּאַס" פון שלום־עליכם, „כאַסיע די יתומה", און „די שחיטה" פון יעקב גאָרדין, „די גרינע פעלדער" פון פרץ הירשביין און אַ ריי אַנדערע. די טעאַטער־פאָרשטעלונגען, וועלכע שטייען אויף אַ באַדייטנדיקער קינסטלערישער מדרגה האָבן גרויס דערפאָלג און דער טעאַטער ווערט אַלץ מער באַליבט ביים נידערשלעזישן יידישן עולם.

ווי אַ קרוינונג פון אונזער קולטור־שעפערישן אויפשטייג איז געווען די ערשטע יידישע קולטור־קאָנפערענץ אין וורעאָצלאַוו. די אידעע צו רופן אַ יידישע קולטור־קאָנפערענץ אין נידערשלעזיע, איז געקומען באַלד אין די ערשטע חדשים נאָכן אַנטשטיין פון אונזער ישוב. די פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע סטאַביליזאַציע אין פוילן, אין רעזולטאַט פון וועלכער ס'איז מעגלעך געוואָרן די גרויסע אַנטוויקלונג פון יידישן געזעלשאַפטלעכן, ווירטשאַפטלעכן און קולטור־לעבן האָבן געשאַפן די געהעריקע באַדינגונגען פאַר צונויפרופן אַזאַ קאָנפערענץ. צו דער דאָזיקער קאָנפערענץ האָט זיך געגרייט דער גאַנצער נידערשלעזישער ישוב. עס זענען פאָרגעקומען ביז 130 פאַרזאַמלונגען מיטן אַנטייל פון 22 טויזנט יידן.

צום ערשטן מאָל נאָכן גרויסן חורבן האָבן זיך פאַרזאַמלט 400 דעלעגאַטן פון אַלע שטעט און שטעטלעך פון נידערשלעזיע. געסט זענען געקומען פון וואַרשע, לאָדזש, קראָקע, קאַטאָוויץ און אַנדערע שטעט. די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין דעם גרעסטן זאַל פון וורעאָצלאַוו — אין דעם קולטור־הויז. די יידישע באַפעלקערונג האָט גלייך פון דער פרי געשטראָמט צו דער קאָנפערענץ. העכער 2 טויזנט יידן זענען געדולדיק אָפּגעזעסן 2 טעג, אויסהערנדיק מיט גרויס אינטערעס די רעפעראַטן, דיסקוסיעס, צוקוקנדיק זיך צו אַלץ, וואָס מען האָט דאָרט געקענט זען. און צו זען איז דאָרט געווען נישט ווייניק. אויפן באַלקאָן פון זאַל זענען געווען אויסגעשטעלט פאַרשיידענע עקספּאָנאַטן, בילדער, צייכענונגען, וואָס האָבן אילוסטרירט דאָס לעבן אין אונזער ישוב פאַר אָט דער קורצער צייט, קינדער־שאַפונגען אין די יידישע שולן, קינדערהיימען און האַלב־אינטערנאַטן. אויף דער אויסשטעלונג איז געווען אילוסטרירט די אַרבעט פון די געזעלשאַפטן „טאָז" און „אָרט", פון די קיבוצים און יידישע קלובן. הונדערטער יידן האָבן מיט באַגייסטערונג באַטראַכט די אויסשטעלונג: צי איז עס נישט קיין חלום? צי איז עס מעגלעך געווען אין אַזאַ קורצער צייט?

דער זאַל איז געווען דעקאָרירט מיט יידישע לאָזונגען, מיט אויסצוגן פון די ווערק פון אונזערע קלאַסיקער. די טריבונע איז באַצירט געווען מיט 3 ריזיקע בילדער פון מענדעלע מוכר-ספרים, פרץ און שלום עליכם. יידישע יוגנט אין זייערע מונדירן האָבן געהאַלטן די ערן-וואַך און די אָרדענונג אין זאַל. שוין לאַנג, ווי ס'האָבן זיך נישט פאַרזאַמלט אַזויפיל יידן. נאָך אַ סך יאָרן פון צעשיידונג טרעפן זיך צוזאַמען חברים, פריינט, מען האַלדזט זיך, מען קושט זיך, מען פילט זיך ווי בעת אַ גרויסן יום-טוב. ביי אַ סך שטייען טרערן אין די אויגן פאַר פרייד: דערלעבט, נאָך אַזוי פיל פיין און צרות אַן אייגענע גרויסע יידישע שמחה. דורכגעדרונגען מיט טיפן צער און טרויער, האָט דער זאַל שטייענדיק באַערט דעם אָנדענק פון מיליאָנען אונזערע קדושים, וועלכע זענען דורך די היטלעריסטישע מערדער פאַרפייניקט געוואָרן בלויז דערפאַר, וואָס זיי זענען געווען יידן. די טרויעריקע מינוט ווערט אָבער באַלד איבערגעריסן דורך די וואַרעמע באַגריסונגען פון אונזערע פוילישע געסט. עס רעדט דער שטאָט-פרעזידענט פון ווראָצלאַוו: „קולטור, דאָס דערהויבט, לייטערט און באַפליגלט. מיר זענען מיט אייך". עס רעדן פאָרשטייער פון פוילישע אַרבעטער-פּאַרטייען: „מיט אייך האָבן מיר געקעמפט פאַר אַ נייע פוילן, מיט אייך צוזאַמען בויען מיר איר איצט אויף. אייערע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס זענען אין דעמאָקראַטישן פאָלקס-פוילן פאַרזיכערט".

מיטגעריסן איז געווען די גאַנצע קאָנפערענץ, ווען עס האָט באַגריסט דער וואָיעוואָדע פון נידערשלעזיע, פּיאַסקאָווסקי: „אַ פרייד נעמט מיך אַרום, ווען איך זע אַזוי פיל יידן אין זאַל. איך געדענק אייך נאָך פון יענע טעג, — האָט געזאָגט דער וואָיעוואָדע — ווען איר זענט נאָרוואָס אַרויס פון די לאַגערן, ווען מיר האָבן צוזאַמען מיט אייך אָנגעהויבן בויען אונזער שותפותדיק לעבן אויף דערדאָזיקער ערד. מיר פאַרזיכערן אייך, אַז איר וועט דאָ רויק קענען בויען אייער לעבן, אייער צוקונפט". עס זענען געהאַלטן געוואָרן רעפעראַטן, וואָס האָבן דערציילט וועגן אונזער פאַרגאַנגענהייט און האָבן אָנגעצייכנט פּלענער אויף דער צוקונפט. צענדליקער דעלעגאַטן האָבן זיך באַטייליקט אין דער דיסקוסיע. עס זענען אַרויסגעטראָטן קולטור-טוער, לערער, אַרבעטער פון פאַבריקן, וואַרשטאַטן, קוילן-גרעבער, וועבער, פאָרשטייער פון פאַרשיידענע פּאָליטישע ריכטונגען און אין זייערע אַרויסטרעטונגען האָט זיך געפילט די זאָרג פאַר אונזער צוקונפט, פאַרן קיום פון אונזער פאָלק, פאַר דער אַנטוויקלונג פון אונזער קולטור. עס זענען אָנגענומען געוואָרן איינשטימיקע רעזאָלוציעס און ס'איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ ווענדונג צו דער יידישער באַפעלקערונג. עס ווערט פייערלעך פּראָקלאַמירט דאָס אַנטשטיין פון אַ יידישער קולטור- און קונסט-געזעלשאַפט אין נידערשלעזיע.

דעם זעלבן טאָג אין אָוונט האָט דעביוטירט דער נידערשלעזישער יידישער טעאַטער מיט דער פּרעמיערע: „דער בלוטיקער שפּאַס" פון שלום עליכם. מיט ענטוזיאַזם נעמען אויף די דעלעגאַטן און געסט די פּרעכטיקע פאָרשטעלונג.

דעם צווייטן אָוונט האָבן באַוויזן די רעזולטאַטן פֿון זייער אַרבעט די דראַמאַטישע קרייזן, כאָרן, ספּאָרט־קלובן און די קינדערשע קונסט־קרייזן. אין משך פֿון 7 שעה האָבן ביז 15 דראַמאַטישע קרייזן פֿון פֿאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך, וועלכע זענען זייער וואַרעם אויפֿגענומען געוואָרן פֿון דער קאָנפֿערענץ, באַוויזן זייערע דערגרייכונגען ביים אַנטוויקלען די קונסט־שאַפֿונגען פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג

די יידישע קולטור־קאָנפֿערענץ אין נידערשלעזיע איז לויט איר פֿאַרנעם און פֿאַרלויף געווען די ערשטע יידישע קולטור־מאַניפֿעסטאַציע אין נאָכמלחמה־דיקן פּעריאָד. די רעזולטאַטן פֿון דער קאָנפֿערענץ גרייכן ווייט אַריבער די גרענעצן פֿון נידערשלעזיע און וועלן האָבן אַ גרויסע באַדייטונג פֿאַר דעם אויפֿבלי פֿון דער יידישער קולטור אין פּוילן. די קאָנפֿערענץ האָט איינ־שטימיק באַשלאָסן זיך צו ווענדן מיט פֿאָלגנדיקן רוף צו דער יידישער באַפֿעלקערונג.

# ווענדונג

## פֿון דער ערשטער יידישער קולטור־קאָנפֿערענץ אין נידערשלעזיע.

### צו דער יידישער אַרבעטערשאַפֿט, קולטור־טוער, אינטעליגענץ צו דער גאַנצער יידישער באַפֿעלקערונג.

די גרויסע אחריות פֿאַרן גורל און ווייטערדיקן אַנטוויקלונגס־וועג פֿון באַדייטנדיקסטן יידישן ישוב אינם נייעם פֿאָלקס־דעמאָקראַטישן פּוילן — אין נידערשלעזיע, האָט אונז, דעלעגאַטן פֿון 38 שטעט, פֿאָרשטייער פֿון די פֿאַרשיי־דנסטע יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, אָן אונטערשייד פֿון פּאָליטישער איבערצייגונג און פּאַרטיי־שער אָנגעהעריקייט, צונויפֿגעזאַמלט אויף דער ערשטער יידישער וואָיעוואָדישער קולטור־קאָנפֿערענץ אין נידערשלעזיע.

אויף די חורבות פֿון אַמאָל בליענדיקן, פֿולבלוטיקן יידישן ישוב אין פּוילן זענען מיר, די איבערגעבליבענע פֿון דעם דריי מיט אַ האַלבן מיליאָניקן פּוילישן יידנטום געקומען, כדי מיט דער עקשנות, וואָס באַצייכנט אונזער פֿאָלקס־כאַראַקטער, ווידער אויפֿריכטן דאָס לעבן, וואָס האָט דורך די היטלעריסטישע רויב־באַנדעס געזאָלט אויף אייביק פֿאַרטיליקט ווערן. אויף די רויגעס פֿון דער אַמאָל וואַקסנדיקער יידישער מאַסן־קולטור, וואָס איז געפֿלעגט און געפֿורמט געוואָרן דורך דעם גרויסן פּרץ, דורך שלום אַש און ווייסנבערגן, דורך טויזנ־טער און טויזנטער יידישע פֿאָלקס־אינטעליגענטן — דיכטער און פּראָזאַיקער, מוזיקער און פּלאַסטיקער, אַרטיסטן און לערער, זענען מיר, די לעבנגעבליבענע געקומען, כדי ווייטער צו שמידן די גאָלדענע קייט פֿון דער יידישער מאַסן־קולטור אויף דער פּוילישער ערד.

הגם אונזערע הערצער זענען איבערפולט מיט ווייטיק און צער נאָך די מיליאָנען פאַרשניטענע ברידער און שוועסטער, זענען מיר אַהער געקומען נישט מיט קיין איינגעהויקערטע הכנעהדיקע פלייצעס, נאָר מיטן אומבויגזאַמען מוט פון קעמפער, וואָס האָבן אין דער גרויסער פעלקער-מלחמה קעגן די היטלער-בעסטיעס אריינגעטראָגן זייער אַ באַדייטנדיקן בלוט-צושטייער. דער דראָזיקער מוט און גלויבן האָט אונז געגעבן כוחות, כדי אין אַ גאָר קורצער צייט אויפבויען אין אַלע שטעט און שטעטלעך פונם נייעם ישוב 72 יידישע שולן, פאָרשולן און האַלב-אינטערנאַטן, 32 ביבליאָטעקן, 64 דראַמאַטישע קרייזן און כאָרן, אַ יידיש טעאַטער, אַ יידישן פאַרלאַג און צענדליקער אַנדערע אינסטיטוציעס.

שוין דער פאַרנעם פון די צוגרייטונגען צו דער ערשטער יידישער קולטור-קאָנפערענץ אין נידערשלעזיע מאַניפעסטירט אונזערע קולטור-שעפערישע כוחות און די ליבשאַפט פון די יידישע פאָלקס מאַסן צו דער מאָדערנער יידישער קולטור. עס זענען צושטאַנדגעקומען 130 פאַרזאַמלונגען ביים אָנטייל פון 25000 נידערשלעזישע יידן, ס׳זענען געמאַכט געוואָרן 20 עפנטלעכע איבערזיכטן פון דער קינסטלערישער שאַפונג מיטן אַנטייל פון 22000 יידן.

מיר די דעלעגאַטן פון דער ערשטער קאָנפערענץ פון די קולטור-טוער אין נידערשלעזיע דערקלערן פאַר דער גאַנצער יידישער עפנטלעכקייט:

ס׳וועלן אונזערע הענט קיין מידקייט נישט וויסן ביים צוריק אויפבויען דעם גרויסן בנין פון אונזער יידישער מאַסן-קולטור און ווייטער איר אַנטוויקלען און דערהויבן צו דער העכסטער מדרגה פון מענטשלעכן שעפערישן גייסט.

מיר האָבן געבויט און וועלן ווייטער בויען אונזער קולטור אַלס פאָרזעצונג און אָרגאַנישן באַשטאַנדטייל פון דער יידישער פּראָגרעסיווער קולטור פון אַלע צייטן און לענדער.

מיר האָבן געבויט און וועלן ווייטער בויען אונזער קולטור אַלס דירעקטע פאָרזעצונג פון דער יידישער פּראָגרעסיווער מאַסן-קולטור אינם אַמאָל גרויסן יידישן ישוב אין פוילן — אין דער ערשטער ריי פון זיינע אַרבעטנדיקע שיכטן, וועלכע האָבן שטענדיק מיט גרענעצלאָזער ליבע און טריישאַפט אַרומגערינגלט די יידישע קולטור-אנשטאַלטן.

מיר האָבן געבויט און וועלן ווייטער בויען אונזער קולטור מיט די אָנשטרענגונגען פון אַלע פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און קולטור-אָרגאַניזאַציעס פון דער יידישער באַפעלקערונג אויף דער באַזע פון דעמאָקראַטישער איינהייט פון יידישן פאָלק.

מיר האָבן געבויט און וועלן ווייטער בויען די יידישע קולטור-פּאָזיציעס ביי דער מיטהילף פון יידישן וואָיעוואָדישן און פּאָוויאַטאָווע קאָמיטעטן פון נידערשלעזיע, מיטן צענטראַל-קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן בראש.

מיר האָבן געבויט און וועלן ווייטער בויען אונזער קולטור שטיצנדיק

געקומען מיט צופרידנקייט זייערע אויפטריטן. מיטן צופלוס פון רעפאַטריאַנטן פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד זענען אָנגעקומען אַ ריי באַקאַנטע אַרטיסטישע כוחות און עס איז געשאַפן געוואָרן דער שטענדיקער נידערשלעזישער יידישער טעאַטער אונטער דער קינסטלערישער אָנפירונג פון יצחק גרודבערג־טורקאָוו, שעפטל זאַק און יעקב קורלענדער. דער טעאַטער־קאָלעקטיוו האָט אין משך פון 4 חדשים אויפגעפירט אַ ריי פיעסן, ווי „דער בלוטיקער שפּאַס" פון שלום־עליכם, „כאַסיע די יתומה", און „די שחיטה" פון יעקב גאָרדין, „די גרינע פעלדער" פון פרץ הירשביין און אַ ריי אַנדערע. די טעאַטער־פאָרשטעלונגען, וועלכע שטייען אויף אַ באַדייטנדיקער קינסטלערישער מדרגה האָבן גרויס דער־פאָלג און דער טעאַטער ווערט אַלץ מער באַליבט ביים נידערשלעזישן יידישן עולם.

ווי אַ קרוינונג פון אונזער קולטור־שעפערישן אויפשטייג איז געווען די ערשטע יידישע קולטור־קאָנפערענץ אין וורעצלאַוו. די אידעע צו רופן אַ יידישע קולטור־קאָנפערענץ אין נידערשלעזיע, איז געקומען באַלד אין די ערשטע חדשים נאָכן אַנטשטיין פון אונזער ישוב. די פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע סטאַביליזאַציע אין פוילן, אין רעזולטאַט פון וועלכער ס'איז מעגלעך געוואָרן די גרויסע אַנטוויקלונג פון יידישן געזעלשאַפטלעכן, ווירטשאַפטלעכן און קולטור־לעבן האָבן געשאַפן די געהעריקע באַדינגונגען פאַר צונויפרופן אַזאַ קאָנפערענץ. צו דער דאָזיקער קאָנפערענץ האָט זיך געגרייט דער גאַנצער נידערשלעזישער ישוב. עס זענען פאָרגעקומען ביז 130 פאַר־זאַמלונגען מיטן אַנטייל פון 22 טויזנט יידן.

צום ערשטן מאָל נאָכן גרויסן חורבן האָבן זיך פאַרזאַמלט 400 דעלע־גאַטן פון אַלע שטעט און שטעטלעך פון נידערשלעזיע. געסט זענען געקומען פון וואַרשע, לאָדזש, קראָקע, קאַטאָוויץ און אַנדערע שטעט. די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין דעם גרעסטן זאַל פון וורעצלאַוו — אין דעם קולטור־הויז. די יידישע באַפעלקערונג האָט גלייך פון דער פרי געשטראָמט צו דער קאָנפע־רענץ. העכער 2 טויזנט יידן זענען געדולדיק אָפּגעזעסן 2 טעג, אויסהערנדיק מיט גרויס אינטערעס די רעפעראַטן, דיסקוסיעס, צוקוקנדיק זיך צו אַלץ, וואָס מען האָט דאָרט געקענט זען. און צו זען איז דאָרט געווען נישט ווייניק. אויפן באַלקאָן פון זאַל זענען געווען אויסגעשטעלט פאַרשיידענע עקספּאָנאַטן, בילדער, צייכענונגען, וואָס האָבן אילוסטרירט דאָס לעבן אין אונזער ישוב פאַר אָט דער קורצער צייט, קינדער־שאַפונגען אין די יידישע שולן, קינדערהיימען און האַלב־אינטערנאַטן. אויף דער אויסשטעלונג איז געווען אילוסטרירט די אַרבעט פון די געזעל־שאַפטן „טאָז" און „אָרט", פון די קיבוצים און יידישע קלובן. הונדערטער יידן האָבן מיט באַגייסטערונג באַטראַכט די אויסשטעלונג: צי איז עס נישט קיין חלום? צי איז עס מעגלעך געווען אין אַזאַ קורצער צייט?

דער זאַל איז געווען דעקאָרירט מיט יידישע לאָזונגען, מיט אויסצוגן פון די ווערק פון אונזערע קלאַסיקער. די טריבונע איז באַצירט געווען מיט 3 ריזיקע בילדער פון מענדעלע מוכר-ספרים, פרץ און שלום עליכם. יידישע יוגנט אין זייערע מונדירן האָבן געהאַלטן די ערן-וואַך און די אָרדענונג אין זאַל. שוין לאַנג, ווי ס'האָבן זיך נישט פאַרזאַמלט אַזויפיל יידן. נאָך אַ סך יאָרן פון צעשיידונג טרעפן זיך צוזאַמען חברים, פריינט, מען האַלדזט זיך, מען קושט זיך, מען פילט זיך ווי בעת אַ גרויסן יום-טוב. ביי אַ סך שטייען טרערן אין די אויגן פאַר פרייד: דערלעבט, נאָך אַזוי פיל פיין און צרות אַן אייגענע גרויסע יידישע שמחה. דורכגעדרונגען מיט טיפן צער און טרויער, האָט דער זאַל שטייענדיק באַערט דעם אָנדענק פון מיליאָנען אונזערע קדושים, וועלכע זענען דורך די היטלעריסטישע מערדער פאַרפייניקט געוואָרן בלויז דערפאַר, וואָס זיי זענען געווען יידן. די טרויעריקע מינוט ווערט אָבער באַלד איבערגעריסן דורך די וואַרעמע באַגריסונגען פון אונזערע פוילישע געסט. עס רעדט דער שטאָט-פרעזידענט פון ווראָצלאַוו: „קולטור, דאָס דערהויבט, לייטערט און באַפליגלט. מיר זענען מיט אייך". עס רעדן פאָרשטייער פון פוילישע אַרבעטער-פאַרטייען: „מיט אייך האָבן מיר געקעמפט פאַר אַ ניי פוילן, מיט אייך צוזאַמען בויען מיר איר איצט אויף. אייערע נאַציאָנאַלע אַספיראַציעס זענען אין דעמאָקראַטישן פאָלקס-פוילן פאַרזיכערט".

מיטגעריסן איז געווען די גאַנצע קאָנפערענץ, ווען עס האָט באַגריסט דער וואָיעוואָדע פון נידערשלעזיע, פּיאַסקאָווסקי: „אַ פרייד נעמט מיך אַרום, ווען איך זע אַזוי פיל יידן אין זאַל. איך געדענק אייך נאָך פון יענע טעג, — האָט געזאָגט דער וואָיעוואָדע — ווען איר זענט נאָרוואָס אַרויס פון די לאַגערן, ווען מיר האָבן צוזאַמען מיט אייך אָנגעהויבן בויען אונזער שותפותדיק לעבן אויף דערדאָזיקער ערד. מיר פאַרזיכערן אייך, אַז איר וועט דאָ רויק קענען בויען אייער לעבן, אייער צוקונפט". עס זענען געהאַלטן געוואָרן רעפעראַטן, וואָס האָבן דערציילט וועגן אונזער פאַרגאַנגענהייט און האָבן אָנגעצייכנט פּלענער אויף דער צוקונפט. צענדליקער דעלעגאַטן האָבן זיך באַטייליקט אין דער דיסקוסיע. עס זענען אַרויסגעטראָטן קולטור-טוער, לערער, אַרבעטער פון פאַבריקן, וואַרשטאַטן, קוילן-גרעבער, וועבער, פאָרשטייער פון פאַרשיידענע פּאָליטישע ריכטונגען און אין זייערע אַרויסטרעטונגען האָט זיך געפילט די זאָרג פאַר אונזער צוקונפט, פאַרן קיום פון אונזער פאָלק, פאַר דער אַנטוויקלונג פון אונזער קולטור. עס זענען אָנגענומען געוואָרן איינשטימיקע רעזאָלוציעס און ס'איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ ווענדונג צו דער יידישער באַפעלקערונג. עס ווערט פייערלעך פּראָקלאַמירט דאָס אַנטשטיין פון אַ יידישער קולטור- און קונסט-געזעלשאַפט אין נידערשלעזיע.

דעם זעלבן טאָג אין אָוונט האָט דעביוטירט דער נידערשלעזישער יידישער טעאַטער מיט דער פּרעמיערע: „דער בלוטיקער שפּאַס" פון שלום עליכם. מיט ענטוזיאַזם נעמען אויף די דעלעגאַטן און געסט די פּרעכטיקע פאָרשטעלונג.

דעם צווייטן אָוונט האָבן באַוויזן די רעזולטאַטן פֿון זייער אַרבעט די דראַמאַטישע קרייזן, כאָרן, ספּאָרט-קלובן און די קינדערשע קונסט-קרייזן. אין משך פֿון 7 שעה האָבן ביז 15 דראַמאַטישע קרייזן פֿון פֿאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך, וועלכע זענען זייער וואַרעם אויפֿגענומען געוואָרן פֿון דער קאָנפֿערענץ, באַוויזן זייערע דערגרייכונגען ביים אַנטוויקלען די קונסט-שאַפֿונגען פֿון דער יידישער באַפעלקערונג

די יידישע קולטור-קאָנפֿערענץ אין נידערשלעזיע איז לויט איר פֿאַרנעם און פֿאַרלויף געווען די ערשטע יידישע קולטור-מאַניפֿעסטאַציע אין נאָכמלחמה-דיקן פעריאָד. די רעזולטאַטן פֿון דער קאָנפֿערענץ גרייכן ווייט אַריבער די גרענעצן פֿון נידערשלעזיע און וועלן האָבן אַ גרויסע באַדייטונג פֿאַר דעם אויפֿבלי פֿון דער יידישער קולטור אין פּוילן. די קאָנפֿערענץ האָט איינשטימיק באַשלאָסן זיך צו ווענדן מיט פֿאָלגנדיקן רוף צו דער יידישער באַפעלקערונג.

## ווענדונג

## פֿון דער ערשטער יידישער קולטור-קאנפֿערענץ אין נידערשלעזיע.

### צו דער יידישער אַרבעטערשאַפֿט, קולטור-טוער, אינטעליגענץ צו דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג.

די גרויסע אחריות פֿאַרן גורל און ווייטערדיקן אַנטוויקלונגס-וועג פֿון באַדייטנדיקסטן יידישן ישוב אינם נייעם פֿאָלקס-דעמאָקראַטישן פּוילן — אין נידערשלעזיע, האָט אונז, דעלעגאַטן פֿון 38 שטעט, פֿאָרשטייער פֿון די פֿאַרשיידנסטע יידישע קולטור-אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, אָן אונטערשייד פֿון פּאָליטישער איבערצייגונג און פֿאַרטיישער אָנגעהעריקייט, צונויפֿגעזאַמלט אויף דער ערשטער יידישער וואַיעוואָדישער קולטור-קאָנפֿערענץ אין נידערשלעזיע.

אויף די חורבות פֿון אַמאָל בליענדיקן, פֿולבלוטיקן יידישן ישוב אין פּוילן זענען מיר, די איבערגעבליבענע פֿון דעם דריי מיט אַ האַלבן מיליאָניקן פּוילישן יידנטום געקומען, כדי מיט דער עקשנות, וואָס באַצייכנט אונזער פֿאָלקס-כאַראַקטער, ווידער אויפֿריכטן דאָס לעבן, וואָס האָט דורך די היטלעריסטישע רויב-באַנדעס געזאָלט אויף אייביק פֿאַרטיליקט ווערן. אויף די רוינעס פֿון דער אַמאָל וואַקסנדיקער יידישער מאַסן-קולטור, וואָס איז געפֿלעגט און געפֿורעמט געוואָרן דורך דעם גרויסן פּרץ, דורך שלום אַשן און ווייסנבערגן, דורך טויזנטער און טויזנטער יידישע פֿאָלקס-אינטעליגענטן — דיכטער און פּראָזאַיקער, מוזיקער און פּלאַסטיקער, אַרטיסטן און לערער, זענען מיר, די לעבנגעבליבענע געקומען, כדי ווייטער צו שמידן די גאָלדענע קייט פֿון דער יידישער מאַסן-קולטור אויף דער פּוילישער ערד.

הגם אונזערע הערצער זענען איבערפֿולט מיט ווייטיק און צער נאָך די מיליאָנען פֿאַרשניטענע ברידער און שוועסטער, זענען מיר אַהער געקומען נישט מיט קיין איינגעהויקערטע הכנעהדיקע פּלייצעס, נאָר מיטן אומבויגזאַמען מוט פֿון קעמפֿער, וואָס האָבן אין דער גרויסער פֿעלקער-מלחמה קעגן די היטלער-בעסטיעס אריינגעטראָגן זייער אַ באַדייטנדיקן בלוט-צושטייער. דערדאָזיקער מוט און גלויבן האָט אונז געגעבן כוחות, כדי אין אַ גאָר קורצער צייט אויפֿבויען אין אַלע שטעט און שטעטלעך פֿונם נייעם ישוב 72 יידישע שולן, פֿאָרשולן און האַלב-אינטערנאַטן, 32 ביבליאָטעקן, 64 דראַמאַטישע קרייזן און כאָרן, אַ יידיש טעאַטער, אַ יידישן פֿאַרלאַג און צענדליקער אַנדערע אינסטיטוציעס.

שוין דער פֿאַרנעם פֿון די צוגרייטונגען צו דער ערשטער יידישער קולטור-קאָנפֿערענץ אין נידערשלעזיע מאַניפֿעסטירט אונזערע קולטור-שעפֿערישע כוחות און די ליבשאַפֿט פֿון די יידישע פֿאָלקס מאַסן צו דער מאָדערנער יידישער קולטור. עס זענען צושטאַנדגעקומען 130 פֿאַרזאַמלונגען ביים אַנטייל פֿון 25000 נידערשלעזישע יידן, ס'זענען געמאַכט געוואָרן 20 עפֿנטלעכע איבערזיכטן פֿון דער קינסטלערישער שאַפֿונג מיטן אַנטייל פֿון 22000 יידן.

מיר די דעלעגאַטן פֿון דער ערשטער קאָנפֿערענץ פֿון די קולטור-טוער אין נידערשלעזיע דערקלערן פֿאַר דער גאַנצער יידישער עפֿנטלעכקייט:

ס'וועלן אונזערע הענט קיין מידקייט נישט וויסן ביים צוריק אויפֿבויען דעם גרויסן בנין פֿון אונזער יידישער מאַסן-קולטור און ווייטער איר אַנטוויקלען און דערהויבן צו דער העכסטער מדרגה פֿון מענטשלעכן שעפֿערישן גייסט.

מיר האָבן געבויט און וועלן ווייטער בויען אונזער קולטור אַלס פֿאָרזעצונג און אָרגאַנישן באַשטאַנדטייל פֿון דער יידישער פּראָגרעסיווער קולטור פֿון אַלע צייטן און לענדער.

מיר האָבן געבויט און וועלן ווייטער בויען אונזער קולטור אַלס דירעקטע פֿאָרזעצונג פֿון דער יידישער פּראָגרעסיווער מאַסן-קולטור אינם אַמאָל גרויסן יידישן ישוב אין פּוילן — אין דער ערשטער ריי פֿון זיינע ארבעטנדיקע שיכטן, וועלכע האָבן שטענדיק מיט גרענעצלאָזער ליבע און טרייַשאַפֿט אַרומגערינגלט די יידישע קולטור-אנשטאלטן.

מיר האָבן געבויט און וועלן ווייטער בויען אונזער קולטור מיט די אָנשטרענגונגען פֿון אַלע פּאָליטישע, געזעלשאַפֿטלעכע און קולטור-אָרגאַניזאַציעס פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אויף דער באַזע פֿון דעמאָקראַטישער איינהייט פֿון יידישן פֿאָלק.

מיר האָבן געבויט און וועלן ווייטער בויען די יידישע קולטור-פּאָזיציעס ביי דער מיטהילף פֿון יידישן וואָיעוואָדישן און פּאָוויאַטאָווע קאָמיטעטן פֿון נידערשלעזיע, מיטן צענטראַל-קאָמיטעט פֿון די יידן אין פּוילן בראש.

מיר האָבן געבויט און וועלן ווייטער בויען אונזער קולטור שטיצנדיק

זיך און פאַראייגענענדיק די גרויסע אַלמענטשלעכע גייסטווערטן, אין דער ערש־טער ריי — די אוצרות פון דער דעמאָקראַטישער פוילישער קולטור.

כּדי מיט דערפאָלג און כּבוד דערפילן אָט דעם גרויסן חוב, וואָס מיר נעמען אויף זיך לגבי אונזער פאָלק און זיין קולטור, האַלטן מיר פאַר אומבאַ־דינגט נויטווענדיק צו פאַראייניקן אַלע יידישע שעפערישע כּוחות, אַלע קולטור־אָרגאַניזאַציעס און באַזונדערע קרייזן אין איין איינהייטלעכער **יידישער קולטור־ און קונסט־געזעלשאַפט.**

פאַר די וויכטיקסטע אויפגאַבן פון דער יידישער קולטור און קונסט־געזעלשאַפט האַלטן מיר: ליקווידירן די טרויעריקע ירושה, וואָס עס האָבן אונז איבערגעלאָזט די יאָרן פון מלחמה און אָקופּאַציע — דעם אַנאַלפאַבעטיזם, דורך שאַפן אומעטום אָוונט־קורסן פאַר דערוואַקסענע און יוגנט. דערנענטערן צו דער יידישער קולטור די שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע זענען פון איר אָפּגעריסן געוואָרן און אין אַלע וויכטיקסטע פונקטן פון אונזער ישוב שאַפן פאָלקס־אוניווערסיטעטן צום דערלערנען אונזער געשיכטע און לי־טעראַטור.

אויפהויבנדיק דעם אַלגעמיינעם קולטור־ניוואָ פון דער יידישער באַפעל־קערונג, באַזונדערס זאָרגן פאַר דער ברייטסטער פאַך־בילדונג פון דער יוגנט און דערוואַקסענע, געבנדיק די ברייטסטע מיטהילף די אַלע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע פאַרנעמען זיך דירעקט מיט דער אויפגאַבע.

אַרומרינגלען מיט אַ באַזונדער זאָרג און געטריישאַפט די יידישע שולן, העלפן דער לערערשאַפט אין זייער פאַרטיפערטן באַנעמען אַלע אונזערע קול־טור־אוצרות סיי פון דער פאַרגאַנגענהייט, סיי פון דער קעגנוואַרט.

מיטהעלפן און געבן אַלע מעגלעכקייטן פאַר דער אַנטוויקלונג פון נייע טאַלאַנטן, וואָס קומען פון פאָלק, סטימולירן דעם אידעישן און קינסטלערישן וווּקס פון יונגע דיכטער און פּראָזאַיקער, מאַלער און סקולפּטאָרן, זינגער און מוזיק־שפּילער דורך שאַפן ספּעציעלע פאַראייניקונגען, ליטעראַריש־קינסטלערישע קאָנסולטאַציעס און סטודיעס, אונטער דער אָנפירונג פון דערפאַרענע קינסטלער.

זאָרגן פאַרן קינסטלערישן וווּקס פונם יידישן טעאַטער און יידישן אַק־טיאָר, שאַפן אַ באַזונדער וואַרעמע און איבערגעגעבענע סביבה אַרום זיי, מיט־העלפן צום דערציען אַן אַקטיאָרישן נאָכוווּקס דורך גרינדן אַ יידישע טעאַטער־סטודיע. באַגלייך דערמיט דאַרף געפירט ווערן אַן אַנטשיידענער קאַמף קעגן יעדן סימן פון שונד אויף אונזער סצענע.

צוגלייך מיט דער זאָרג פאַרן פּראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער — ברייט אַנטוויקלען די יידישע דראַמאַטישע זעלבסט־טעטיקע קונסט אין די קלובן און קולטור־ווינקלען, מיטהעלפן זיי מיט אַ געהעריקן רעפּערטואַר און רעזשיסאָרישע אָנווייזונגען.

צוציען יידישע קאָמפּאָזיטאָרן און דיריזשאָרן צו העלפן אַנטוויקלען די יידישע כאָרן אין אַלע אונזערע שטעט און שטעטלעך.

מיטהעלפן שאַפן אומעטום פאָלקס־ביבליאָטעקן און באַזאָרגן זיי מיט ליטעראַטור.

אַקטיוו זיך באַטייליקן אין דער אַרבעט פאַר אויסברייטערן די פאַרלאַגטעטיקייט און אַרויסגעבן די ווערק פון אונזערע קלאַסיקער ווי אויך פון אונזערע היינטצייטיקע יידישע דיכטער און פּראָזאַיקער פון פּוילן.

מיטהעלפן ביים אויסבילדן יידישע זשורנאַליסטן־כוחות און אַרויסווייזן דעם גרעסטן אינטערעס פאַר דער שטייגערונג פונם ניווא פון אונזער פּרעסע.

גרויס זענען די אויפגאַבן, וועלכע מיר, די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער יידישער קולטור־ און קונסט־געזעלשאַפט שטעלן פאַר זיך. מיר גלויבן אָבער אין דעם דערפאָלג פון אונזער זאַך, ווייל צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן זענען מיר פולבאַרעכטיקטע בירגער, וועלכע געניסן פון דער ברייטסטער שטיצע מצד דער דעמאָקראַטישער פּוילישער געזעלשאַפט און מלוכה.

מיר גלויבן אין דעם דערפאָלג פון אונזער זאַך, ווייל מיר זענען באַהערשט פון דעם אַלגעמיינעם בויונגס־גייסט, וואָס האָט אַרומגענומען די ברייטסטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג אין דעם פאָלקס־דעמאָקראַטישן פּוילן.

מיר נעמען זיך צו דער אַרבעט מיט דעם באַוווסטזיין, אַז מיר וועלן געשטיצט און אונטערגעהאַלטן ווערן פון אונזערע ברידער – די יידישע פאָלקס־מאַסן אין אַלע לענדער פון דער וועלט, אין דער ערשטער ריי אין ראַטן־פאַרבאַנד, אַמעריקע און פּאַלעסטינע. שטרעבנדיק צו זיין אַן אָרגאַנישער גליד אין דער יידישער קולטור־שעפערישער משפחה פון אַלע יידישע ישובים אין דער גאַנצער וועלט, באַגריסן מיר הייס דעם באַשלוס פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן זיך אָנצושליסן צו די איניציאַטאָרן אויף צונויפרופן דעם צווייטן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס.

צו אַלע, וואָס האָבן דעם ווילן זיך נעמען צו דער הייליקער אַרבעט צוריק אויפצובויען און ווייטער אַנטוויקלען אונזער יידישע מאַסן־קולטור, ווענדן מיר זיך מיט אונזער הייסן רוף:

– אָן אונטערשייד פון פּאַרטייִשער אָנגעהעריקייט – שטעלט זיך אַלע ווי איין מאַן אין די רייען פון דער יידישער קולטור־ און קונסט־געזעלשאַפט.

אין נאָמען פון דער יידישער
קולטור־קאָנפערענץ אין נידערשלעזיע
**פּרעזידיום פון דער קאָנפערענץ.**

# דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן אין נידערשלעזיע.

אין די באַדינגונגען, וועלכע ס'האָט געשאַפן די פּוילישע פאָלקס-דעמאָ-
ראַטיע האָבן אַלע יידישע דעמאָקראַטישע גרופּירונגען די מעגלעכקייט פאַר
פרייער אַנטוויקלונג און אַלזייטיקער טעטיקייט.

חוץ דער פאַרצווייגטער פּאָליטישער,ווירטשאַפטלעכער און קולטור-טעטיקייט
פון די יידישע קאָמיטעטן, אין וועלכע ס'זענען פאַרטראָטן אַלע יידישע פּאַר-
טייען, וועלכע שטייען אויף דער באַזע פון אייניקייט און פאָלקס-דעמאָקראַטיע,
פירט אויך יעדע פּאַרטיי באַזונדער איר אַרבעט.

אַן אַקטיווע טעטיקייט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג פירן די יידישע
קרייזן פון פּ. פּ. ר. (פּוילישע אַרבעטער-פּאַרטיי). די יידישע קרייזן, אונטער
דער אָנפירונג פון דער אַלגעמיינער פּאַרטיי-אָנפירונג האָבן אַרויסגעוויזן איני-
ציאַטיוו און גיבן אָפּ זייער אַ סך כּוחות דעם אויפבוי-פּראָצעס פון יידישן ישוב,
זיין אַלזייטיקער אַנטוויקלונג און וווּקס.

שטאַרק צעוואַקסן האָט זיך אויך די יוגנט-אָרגאַניזאַציע „פאַרבאַנד פון
יוגנט-קאַמף" (ז. וו. מ.) די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע ווייזט דער יידישער יוגנט
דעם וועג צו האַרמאָנישן צוזאַמענלעבן און צוזאַמענאַרבעט מיט דער פּראָגרע-
סיווער פּוילישער יוגנט לטובת דער פּוילישער פאָלקס-רעפּובליק. איר לאָזונג
איז: לערע, אַרבעט און קאַמף.

אין אַ גאַנצער ריי יידישע ישובים אין נידערשלעזיע זענען פאַראַן אָר-
גאַניזאַציעס פון „בונד", פון דער יוגנט-אָרגאַניזאַציע „צוקונפט" און פון קינדער-
פאַרבאַנד „סקיף". דער „בונד" באַטייליקט זיך אין דער אַרבעט פון די יידישע
קאָמיטעטן.

די דעמאָקראַטישע ציוניסטישע גרופּירונגען פון אַלע ריכטונגען, וועלכע
האָבן געווירקט אין יידישן לעבן פאַר דער מלחמה האָבן זייערע אָרגאַניזאַציעס
אינם נידערשלעזישן יידישן ישוב.

די אָרגאַניזאַציע „איחוד" (דעמאָקראַטישע ציוניסטן) פאַרמאָגט אַ באַ-
דייטנדיקע צאָל אָפּטיילונגען, אייגענע קבוצים, אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע פערמע
פאַר הכשרה, אַ יוגנט-אָרגאַניזאַציע א. נ. „איחוד הנוער הציוני" און אַ פרויען-
אָרגאַניזאַציע „וויזא".

עס עקזיסטירן אויך אין נידערשלעזיע אָרגאַניזאַציעס פון די ציוניסטן-
סאָציאַליסטן (פּועלי-ציון לינקע און פּועלי-ציון צ. ס.) מיט די יוגנט-אָרגאַניזאַציעס
„יוגנט", „דרור". קינדער-אָרגאַניזאַציעס „יונגבאָר" און אַ ספּאָרט-קלוב „שטערן".

די פּאַרטיי „השומר-הצעיר" אַרבעט אויך מיט אין די קאָמיטעטן.
זי פאַרנעמט זיך אויך מיט לאַנדווירטשאַפטלעכער הכשרה, האָט
אַ שיין-אַנטוויקלטע פערמע און קבוצים. ס'אַרבעט אויך די יוגנט-אָרגאַניזאַציע
„השומר הצעיר".

ס'אַרבעט אויך די ציוניסטיש-סאָציאַליסטישע פּאַרטיי „התאחדות" מיט דער יוגנט-אָרגאַניזאַציע „גורדוניה", וועלכע נעמט נישט קיין אַנטייל אין דער טאָגטעגלעכער אַרבעט פון קאָמיטעט. זיי באַטייליקן זיך אָבער אין יעדער פּאָ-ליטישער אַקציע, וועלכע ווערט אונטערגענומען דורכן קאָמיטעט.

אַ גאַנץ באַזונדערע אַרבעט פירן די רעליגיעזע יידן, וועלכע זענען אָר-גאַניזירט אין „מזרחי", אויך זיי האָבן קבוצים. זיי זענען אָרגאַניזירט אין דער א. ג. רעליגיעזער קאָנגרעגאַציע, וואָס פאַרנעמט זיך אויסשליסלעך מיט באַפרי-דיקן די רעליגיעזע באַדערפענישן, ווי אָפּהיטן די בתי-מדרשים, רעליגיעזע קיכן, הברה-קדושה א.א. אין ווראָצלאַוו איז אויך דאָ אַ ראַבינאַט, אָנגעפירט דורך דעם באַקאַנטן רעליגיעזן טוער הרב דר. שלום טרייסטמאַן.

אָט איז אין אַלגעמיינע שטריכן, אַן איבערזיכט פון יידישן פּאַרטיי-וועזן אין נידערשלעזיע.

אונזערע פּאָליטישע אינטערעסן אינם נייעם פּוילן, ווו יידן זענען אַבסאָ-לוט גלייכבאַרעכטיקטע בירגער, פּאַלן זיך פולשטענדיק צונויף מיט די אינטע-רעסן פון דעם סאָציאַלן און פּאָליטישן פּאָרשריט און פאַרפעסטיקונג פון דער פּוילישער פּאָלקס-דעמאָקראַטיע, וועלכע גאַראַנטירט אונז די פרייע און אומגע-שטערטע אַנטוויקלונג.

דאָס פאַרשטייט שוין היינט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג. זי האָט עס אַרויסגעוויזן בעת דעם רעפערענדום, וועלכער איז פאָרגעקומען אין יאָר 1946 און בעת די וואַלן צום פּוילישן סיים אינם טאָג פונם 19-טן יאַנואַר 1947 יאָר. טויזנטער יידישע אַגיטאַטאָרן פון אַלע יידישע פּאַרטייען האָבן זיך פרייוויליק געשטעלט צו דער וואַל-קאַמפּאַניע. אייגנהייטלעכע יידישע וואַל-קאָמיטעטן האָבן אָנגעפירט מיט די דאָזיקע פּאָליטישע אַקציעס. אין דער צייט פון דער וואַל-קאַמפּאַניע זענען אין נידערשלעזיע פאָרגעקומען 118 מיטינגען און 86 פאַרזאַמ-לונגען מיטן אַנטייל פון קרוב 40 טויזנט יידן.

דער יידישער ישוב אין נידערשלעזיע איז דורכגעדרונגען מיטן באַוווסט-זיין און אחריות-געפיל פאַר דער באַנייונג פונם יידישן פאָלקס-לעבן. אויף יעדן רוף פון די יידישע קאָמיטעטן, פון די דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, שטעלן זיך טויזנטער יידן, כדי צו זאָגן זייער אַנטשלאָסן וואָרט און מיט מעשים באַווייזן זייער שטענדיקע גרייטקייט צו דינען אונזער אַלגעמיינעם פאָלקס-אינטערעס. יעדער מיטינג און פאַרזאַמלונג אין די שטעט און שטעטלעך פון נידערשלעזיע זאַמלט צונויף טויזנטער צוהערער. די גרעסטע טעאַטער-זאַלן זענען שטענדיק פול געפּאַקט — אַלצאיינס צי ס'האַנדלט זיך וועגן אַ פּאָליטישן מיטינג אָדער אַ רעפעראַט אויף אַ קולטור-טעמע. גאָר ברייט מערקט אָפּ דער נידערשלעזי-שער ישוב די אַלגעמיין-מלוכהשע און באַזונדערע יידישע יום-טובים. די פייע-רונגען לכבוד דעם יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, וועלכע קו-



וואָיעוואָדישער קאָמיטעט פון יידן אין נידערשלעזיע

עס זיצן פון רעכטס אויף לינקס: ב. שאַפער, מ. סטאַשעווסקי, י. עגיט, י. לעשטש, ב. לעווי.
עס שטייען פון רעכטס אויף לינקס: י. בורשטין, ש. הירשפעלד, י. וואַסערשטרום, ב. העלמאַן, א. צעבולאַ, י. פלאָצקער, י. ראָזנפעלד און י. סלוצקי.

מען פאָר יאָר־יערלעך, זענען אין 1947 יאָר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרוי־סער פאָלקס־דעמאָנסטראַציע פאַר דער ווירדע און כּבוד פון יידישן פאָלק. אין די דאָזיקע פייערונגען האָבן זיך ברייט באַטייליקט די פאָרשטייער פון דער פוילישער מלוכה־מאַכט און פון דער פוילישער געזעלשאַפט.

דער יידישער ישוב אין נידערשלעזיע צייכנט זיך אויס מיט זיין שאַר־פער וואַכזאַמקייט און פילבאַרקייט לגבי אַלע פּאָליטישע דערשיינונגען אין אויסלאַנד, וועלכע האָבן באַזונדערס אַ שייכות מיטן לעבן פון יידישן פאָלק. דער מילדער אורטייל פון נירנבערגער פּראָצעס האָט אַרויסגערופן אין גאַנץ נידער־שלעזיע ריזיקע פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען.

אַ כוואַליע פּראָטעסטן און דעמאָנסטראַציעס איז געווען דער ענטפער פון די יידן אין נידערשלעזיע אויף דער רעדע פונם געזוו. אַמעריקאַנער אויסערן־מיניסטער בירנס, וועלכער האָט געפרווט אָפּפרעגן די פוילישע מערב־גרענעצן — נידערשלעזיע בתוכם.

גרויסע פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס און מיטינגען זענען אומעטום פאָרגע־קומען קעגן ווילקיר פונם ענגלישן אימפּעריאַליזם אין פּאַלעסטינע, קעגן די רדיפות און טעראָר לגבי די דאָרטיקע יידן.

די אַלע דעמאָנסטראַציעס באַווייזן שטענדיק די שטרעבונג צו איינהייט ביי דער יידישער באַפעלקערונג, די שטרעבונג מיט געמיינזאַמע כּוחות אויפ־צובויען דאָס הרוב־געוואָרענע לעבן.

ביי דער גאַנצער אייגנאַרטיקייט פונם יידישן ישוב אין נידערשלעזיע פילט ער זיך שטענדיק ווי אַן אָרגאַנישער גליד פון אַלע יידישע ישובים אין דער וועלט, פון זייערע דעמאָקראַטישע כּוחות, וועלכע קעמפן און אַרבעטן פאַרן וווּל פון אונזער געליטענעם יידישן פאָלק.

## צו נאָך גרעסערע דערגרייכונגען

די אָרגאַניזירטע געזעלשאַפטלעכקייט פונם פאָלקס־דעמאָקראַטישן פוילן איז צוגעטראָטן צום פאַרווירקלעכן דעם דריי־יאָר פּלאַן פון ווייטערדיקן וווּקס פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט און וווילשטאַנד פון די ברייטסטע מאַסן. אויך מיר יידן שליסן זיך איין אין דער אַרבעט צום פאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן פּלאַן אין אונזער ווירטשאַפטלעכער בויונג.

שוין אין יאָר 1947 דאַרפן מיר שאַפן נייע 15 יידישע קאָאָפּעראַטיוון אין נידערשלעזיע, וועלכע דאַרפן באַשעפטיקן 500 אַרבעטער, אַ חוץ דעם דאַרפן אין די שוין פאַראַנענע קאָאָפּעראַטיוון באַשעפטיקט ווערן נאָך 750 אַרבעטער, אין די מלוכהשע פאַבריקן דאַרפן אַריינגעצויגן ווערן נאָך 5000 יידן. דער גרעסטער טייל פון זיי דאַרף איבערקוואַליפיצירט ווערן.

היינטיקס יאָר דאַרף די יידישע קולטור- און קונסט-געזעלשאַפט אין נידערשלעזיע אויסוואַקסן און ציילן ביז 10 טויזנט מיטגלידער. אין ווראצלאַוו דאַרף געעפנט ווערן אַ צענטראל קולטור-הויז מיט אַן אייגענעם טעאַטער-זאַל. עס דאַרף אָרגאַניזירט ווערן אַן אָלימפּיאַדע פון דראַמאַטישע קרייזן און כאָרן. עס דאַרפן געעפנט ווערן אין נידערשלעזיע נאָך 5 קולטור-הייזער. עס מוזן באַרייכערט ווערן די ביבליאָטעקן מיט נאך 10 טויזנט יידישע ביכער. עס מוזן איינגעאָרדנט ווערן וועכנטלעכע ראַדיאָ-אודיציעס אין דער יידישער שפּראַך. עס דאַרף אָרגאַניזירט ווערן אַ יידישער פּאַוויליאָן אויף דער אַלגעמיינער אויסשטעלונג, וואָס דאַרף פאָרקומען אין ווראצלאַוו.

מיר מוזן אַלץ טאָן, אַז ס'זאָל געעפנט ווערן די ערשטע מיטל-שול אין ווראָצלאַוו. כדי צו העכערן די קוואַליפיקאַציעס פון אונזערע לערער וועלן דאַרפן געשאפן ווערן קורסן און אַ סעמינאַר פאר דערציער פון די האַלב-אינטערנאַטן. ס'מוז אויסוואקסן די צאָל קינדער אין די האַלב-אינטערנאַטן און אין די שולן. זומער-צייט וועלן מיר דאַרפן אַ באַדייטנדיקע צאָל יידישע קינדער שיקן אויף אָפּרו אין ספּעציעלע קאָלאָניעס. ס'וועט מוזן ענערגישער געפירט ווערן די אַרבעט צום שאַפן אַן אַלגעמיין-יידישע קינדער-אָרגאַניזאציע.

פאַר דער יוגנט וועט דארפן געשאַפן ווערן נאך איין גרויסע יוגנט-היים וואָס זאל אַריינגעמען 200 מאַן. ס'וועלן מוזן איבערגעקוואַליפיצירט ווערן נאָך 300 יוגנטלעכע און ס'וועלן דאַרפן געשאַפן ווערן נאָך 10 יידישע ספּאָרט-קלובן. דאָס יאָר וועט אויך דאַרפן צוגעגרייט ווערן אַ צוזאַמענפאַל פון דער גאַנצער יידישער יוגנט פון נידערשלעזיע.

דאס זענען בלויז באַזונדערע שטריכן פון דעם פּלאַן פון ווייטערדיקן פאַנאַנדערבויען דעם יידישן ישוב אין נידערשלעזיע. מיר טרעטן אַריין אין דריטן יאָר אַרבעט פול מיט גלויבן, אַז אַלע אונזערע באַמיונגען וועלן אין רעזולטאַט ברענגען א גרויסן וווקס פון דער יידישער שאַפונגס-ענערגיע, וואָס וועט נאָך גרעסערע וווּנדער באַווייזן באַם פאַרהיילן אונזערע וווּנדן, באַם אויסבויען די יידישע ווירטשאַפטלעכע און קולטור-פּאָזיציעס. מיר זענען זיכער, אַז אונזער אַרבעט וועט ברענגען נאָך באַדייטנדיקערע רעזולטאַטן, ווייל מיר זענען אַן אָרגאַנישער גליד פון דער פאָלקס-דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט אין נייעם פּוילן, וואָס גייט פון נצחון צו נצחון ביים הויבן דעם מאַטעריעלן ווילשטאַנד פון די ברייטסטע פאָלקס-מאַסן, באַם פאַרפעסטיקן און פאַנאַנדערבויען די געזעלשאַפטלעכע, ווירטשאַפטלעכע און קולטור-פּאָזיציעס.

# א י נ ה א ל ט


פ אָ ר װ אָ ר ט . . . . . . . . 3

נ י ד ע ר ש ל ע ז י ע . . . . . . . 7

י י ד ן א י ן נ י ד ע ר ש ל ע ז י ע . . . . . . 13

יידן אין נידערשלעזיע פאַר דער מלחמה . . . . 15

יידן אין נידערשלעזיע בעת דער מלחמה . . . . 16

אין די פרילינג־טעג פון יאָר 1945 . . . . . . 18

אַ נײַ לעבן גייט אויף . . . . . . . 21

עס וואַקסט דער יידישער ישוב אין נידערשלעזיע . . 32

פ ר אָ ד ו ק ט י װ י ז אַ צ י ע . . . . . . . 39

צו פּראָדוקטיווער אַרבעט . . . . . . 41

ס'וואַקסט די צאָל יידישע קאָאָפּעראַטיוון . . . . 47

יידן אויף ערד . . . . . . . . 51

די יידישע באַנק פאַר פּראָדוקטיוויזאַציע . . . . 52

מען לערנט זיך אַרבעטן . . . . . . 53

די יידישע יוגנט אין נידערשלעזיע . . . . . 55

ק י נ ד ע ר ־ ש ו ץ . . . . . . . . 57

פאַר אונזערע קינדער . . . . . . . 59

אַ יידישע שול פאַר אונזערע קינדער . . . . . 64

הילף פאַר אַלעמען, ווער עס נויטיקט זיך . . . . 65

לאָמיר זיין געזונט . . . . . . . . 66

ק ו ל ט ו ר ־ א ו י פ ש ט י י ג . . . . . . . . 69

דער קולטור־אויפשטייג אין אונזער לעבן . . . . . 71

װענדונג פון דער ערשטער יידישער קולטור־קאָנפערענץ
אין נידערשלעזיע 75

דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן אין נידערשלעזיע . 79

צו נאָך גרעסערע דערגרייכונגען . . . . . . 81

Składano i odbito
w DRUKARNI PAŃSTWOWEJ Nr. 6
we Wrocławiu.
Zam. Nr. 323 F.12513

Okładkę projektował D. Gutsztajn